YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv14i04

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 14 Issue 4
April 1932

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 14, Iss. 4)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/492

GERECHTIGKEIT *(Justice)*

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. XIV. No. 4. **Jersey City, N. J., April-May, 1932** **Price 10 Cents**

א וואָרט צו די דעלעגאַטען פון דער קאַנווענשאַן

פון פרעזידענט שלעזינגער

ברידער און שוועסטער!

אונזער קאנוועשאן האט פאר זיך א סך וויכטיגע פראגען צו פארהאנדלען און עס איז שווער צו זאגען וועלכע פון זיי איז די וויכטיגסטע, אבער אלע פראגען האבען איין ציל — גרעסער און שטארקער צו מאכען אונזער יוניאן און צו פארבעסערען דאס לעבען פון אונזערע מיטגלידער.

די אינטערנעשאנאל האט פאר זיך גרויסע און שווערע אויפגאבען. עס זיינען דא טויזענטער און טויזענטער אומארגאניזירטע אין אונזער אינדוסטריע וואס דארפען ארגאניזירט ווערען; אין פילע ערטער האט די אינטערנעשאנאל אנגעפאנגען ארגאניזאציאנס קאמפיינס און זיי מוזען מיט נאך מעהר ענערגיע פארטגעזעצט ווערען, און דארטען וואו מיר זיינען ארגאניזירט און אונזערע יוניאנס זיינען שטארק, פאדערען זיך גרויסע אנשטרענגונגען אפצושלאגען די פאזיציעס וואס מיר האבען מיט אזוי פיל שווערע קרבנות אויסגעקעמפט.

וואס גרעסער און שטארקער די אינטערנעשאנאל וועט זיין, אלץ ערפאלגרייכער וועט זי איהר גרויסע ארבעט קענען דורכפירען. די קאנווענשאן וועט מוזען אנגעמען מיטלען וואס זאלען מאכען די אינטערנעשאנאל שטרקער פינאנציעל. אחדות איז דער הויפט-יסוד פון א יוניאן, אבער צו אחדות מוז די יוניאן אויך זיין פארזארגט מאטעריעל.

זאל די קאנווענשאן זיין דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון איינינקייט, מיט דעם געפיהל פון ברידערליכקייט, און זאלען אלע דעלעגאטען זיין באהערשט פון איין געדאנק: גרעסער, שטארקער און זיכערער צו מאכען אונזער אינטערנעשאנאל.

בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט.

פון סעק.-טרעזש. דובינסקי

ברידער און שוועסטער!

די לעצטע צוויי און א האלב יאהר זיינען געווען פאר דער אינטערנעשאנאל א צייט פון שווערער פראבע. מיר זיינען געקומען צו דער קליוולענדער קאנווענשאן מיט א נייער איבערגעבוימער יוניאן. מיר האבען איר איבערגעבוים אויף די חורבות, וואס די קאמוניסטען האבען פון איהר איבערגעלאזען. די קליוולענדער קאנווענשאן האט אונז געדארפט העלפען באפעסטיגען, וואס מיר האבען צוריק אויפגעבוים.

אונז האט זיך איינגעגעבען צוריקצוקערען די יוניאן מאראל צו אונזערע מיטגלידער און צוריק צוברענגען יוניאן באדינגונגען אין די שעפער, אבער מיר האבען געהאט איין גרויסע, א ריזיג גרויסע שוועריגקייט איבערצוקומען און דאס איז געווען דער קריטישער פינאנציעלער צושטאנד פון דער יוניאן.

די קאנווענשאן אין קליוולאנד האט פיל מיטגעהאלפען צו פארלייכטערען אונזער פינאנציעלע לאגע דורך דעם 10 דאל. שטייער, וואס זי האט באשלאסען, אבער דער קריזיס איבער'ן לאנד האט זיך שוין דעמאלט אנגעפאנגען פילען מיט זיין גרויסער שווערקייט אין אלע אינדוסטריען און אין אלע ווינקעלעך פון לעבען.

עס זיינען געווען שווערע פראבע טעג פאר דער אינטערנעשאנאל, אבער זי איז זיי ביי געשטאנען. זי האט אין מיטען דער ביטערסטער צייט אנגעפיהרט גרויסע קאמפען און זי גרייט זיך צו גרעסערע. די אינטערנעשאנאל איז שטאלץ מיט איהרע מיטגלידער, וועלכע האבען ארויסגעוויזען אזוי פיל איבערגעבענהייט צו איהר און האבען געבראכט אזוי פיל קרבנות פאר איהר.

מיר פאנגען אן אונזער קאנווענשאן אין פילאדעלפיע גלייך אויף מארגען נאכ'ן ערשטען מאי, דער גרויסער אינטערנאציאנאלער ארבייטער יום טוב, דער יום טוב פון ארבייטער איינינקייט און ארבייטער סאלידאריטעט. זאל דער גייסט פון דעם ערשטען מאי רוהען אויף אונזער קאנווענשאן און זאל וואס מעהר איינינקייט, וואס מעהר סאלידאריטעט געשאפען ווערען אין אונזערע רייהען, און די אינטערנעשאנאל וועט זיין אומבאזיגבאר.

דייוויד דובינסקי, סעקר.-טרעזשורער.

גיי אויף מיט זון

פון א. מ. דילאן.

רעגן, רעגן, שטארקער גיס,
שווײנק אראפ פון דר'ערד דעם שטויב.
עס קלאגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט —
אין רעגנגוס באווייז זיך, זון.

און בליץ, צו בליץ, שנייד דורך אין פלאם,
און צינד אן די וועלט אין פלאם.
עס קלאגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט —
און נאכ'ן בליץ צעשטראל זיך, זון.

און מענש, צו מענש, שטיי אויף און זינג,
בליץ אויף מיט פרייד, גיי אויף מיט זון.
עס קלאגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט —
בליץ אויף מיט פרייד, גיי אויף מיט זון.

פונקטען וועלכע ווערען אריינגעשריבען אין נייעם אַגרימענט צווישען דער דרעסמאַכער יוניאָן און די באַלבאַטים

אין דעם אגרימענט, וועלכער דארף אויסגעארבייט ווערען צווישען דער דרעסמאכער יוניאן און דער „אפיליאייטעד אסאַ־סיאיישאַן" דארפען אריינגעהן אלע פונקטען פון דעם פריה־ערדיגען אגרימענט, מיט די פאלגענדע ענדערונגען.

וועגען סעטלען פרייזען פאר שטיק־ארבייט.

1) אלע פרייזען פאר שטיק־ארבייט זאלען געסעטעלט ווערען אויפ'ן באזיס פון א סקעדיול וועלכער זאל אויסגע־ארבייט ווערען פון ביידע צדדים. דער דאזיגער סקעדיול דארף פעססשטעלען באשטימטע פרייזען פאר אזוי פיל טיילען פון דער דרעס ווי מעגליך, וועלכע זאלען זיין באגרינדעט אויף דעם מינימום וויידזש פער שטונדע פאר שטיק ארבייטער, לויט די פארשריפטען פון דעם אגרימענט ($1.10 א שטונדע פאר אפערייטארס, $1.25 פאר פרעסערס א. ז. וו.) דער דאזיגער סקעדיול זאל אויסגעארבייט ווערען און אריינגעהן אין קראפט ניט שפעטער ווי 15 טעג נאכדעם ווי דער אגרימענט וועט גע־סיינט ווערען. ביז דעמאלט זאלען די אלטע פארשריפטען פון אגרימענט וועגען סעטלען פרייזען פארבלייבען אין קראפט.

דער פונקט וועגען 2 טעג.

2) אנשטאט דעם פונקט אין אלטען אגרימענט, וואס שרייבט פאר אז די ארבייטער דארפען פארזוצען ארבייטען 5 טעג אויף גארמענטס, אויף וועלכע די ארבייטער קענען זיך ניט איינינען מיט'ן באלעבאס וועגען פרייז, זאל איינגעשטעלט ווערען א פעריאדע פון 2 טעג אין וועלכע פרייזען מוזען גע־סעטעלט ווערען. מיט דער אויסנאמע פון די ערשטע 3 טעג, וואס די ארבייטער וועלען זיך צוריקקעהרען אין די שעפער, ווען פרייזען מוזען געסעטעלט ווערען איידער זיי נעמען אר־בייטען אויף דעם סטייל.

סעמפעל מייקערס.

3) דער מינימום סקעיל פאר סעמפעל מאכער זאל זיין $35 א וואך. (אין אלטען אגרימענט איז קיין סקעיל פאר סעמ־פעל מאכער אין גאנצען ניט געווען).

שבת ארבייט.

4) דער פונקט וואס רעדט וועגען שבת ארבייט (דאס רעכט צו ארבייטען 4 שבתים אין סעזאן) זאל אמענדירט ווע־רען און זאל זיך לעזען ווי פאלגט: „אבער אין צייט פון ארבייטסלאזיגקייט זאל די פראגע וועגען ארבייטען שבת פאר־האנדעלט ווערען צווישען דער יוניאן און דער אסאסיאיישאן. אין פאל זיי קענען זיך ניט איינינען, זאל די פראגע איבער־געגעבען ווערען צום אימפארשיעל טשערמאן צו אנטשיידען."

פארצוג צו ארבייטער אין אינסייד שעפער ביים געבען ארבייט.

5) עס ווערט צוגעשטימט, אז מעמבערס פון דער „אפי־ליאייטעד" דארפען געבען פארצוג צו די ארבייטער פון זייער אינסייד שאפ ביים געבען ארבייט.

וועגען רעארגאניזיישאן.

6) דער פונקט אין אלטען אגרימענט וועגען רעארגאני־זיישאן (ווען א באס וויל פארקלענערען דעם שאפ), זאל גע־ענדערט ווערען, ווי פאלגט: „אז אויף דער ווענדונג פון דער אסאסיאיישאן צו דער יוניאן, „וואו די רעארגאניזיישאן ווערט ערלויבט, זאל די פראגע וועגען וועלכע ארבייטער עס זאלען פארבלייבען אין שאפ, באשטימט ווערען דורך ווארפען גורל".

וועגען ניט אויספאלגען באשלוסען.

7) אין פאל א פירמע פאלגט ניט אויס אין 24 שטונדען צייט א באשלוס פון דער יוניאן מיט דער אסאסיאיישאן, אדער אן ענטשיידונג פון אימפארשעל טשערמאן, זאל אזא פירמע אויטאמאטיש סוספענדירט זיין פון דער אסס'ן און פאר־לירען אלע רעכטען און פריווילעגיעס פון דעם קאלעקטיווען אגרימענט, און די יוניאן זאל זיין פריי אנצואווענדען אזוינע מיטלען, ווי זי וועט געפינען פאר נויטיג צו צווינגען דער פירמע נאכצוקומען דעם אגרימענט.

שטראפען.

8) געלט וואס קומט אריין פון באשטראפונגען זאל אי־בערגעגעבען ווערען צום אימפארשעל טשערמאן און זאל גע־נוצט ווערען אויף מאכען אונטערזוכונגען און ענליכע אויס־גאבען.

וועגען אנטזאגען ארבייטער.

9) ווען א באס מוז צוריקנעמען אן אנטזאגטען ארביי־טער, זאל דער אימפארשיעל טשערמאן באשטימען די סומע וואס ער דארף קריגען אלס פארגיטיגונג פאר דער צייט וואס ער האט פארלארען.

10) די פראגע פון פאראנטווארטליכקייט פאר די באדינ־גונגען אין די קאנטראקטינג שעפער.

1) עס זאל איינגעשטעלט ווערען א „באארד" פון אלע צדדים צום קאלעקטיווען אגרימענט אין דער אינדוסטריע.

זיי געדארפט טאן אלץ וואס מעגליך אריינ־צונעמען די סטרייקענדע ארבייטער פון די קליינע שאפּס צו זיך אין די שעפער. דאס וואלט פיל געהאלפען דער יוניאן אין איר פארזוך איינצופירען א שטרענגערען קאנטראל.

אין די נעקסטע פאר וואכען וועלען מיר איינפירען א שטרענגען קאנטראל פון ארבייטס־צייט און מיר וועלען אויך שטרענג באשטראפען די יעניגע וואס וועלען ניט פאלגען די יוניאן.

איך וויל אויך ביי דיזער געלעגענ־הייט אויסדריקען מיין פערזענליכען דאנק און אנערקענונג צו די פאלגענדע מיט־גלידער, וועלכע האבען זיך אקטיוו בא־טייליגט און באטייליגען זיך נאך איצט אויך אין העלפען אויפבויען א שטארקע יוניאן אין מאנטרעאל:

בר. בערמאן, פאגעלסאן, פרידמאן, באדריע, בארדזשאן, סעם פוינט, הייזער, זינגער, פעלט, משה זייפערט, מרס. הער־ליך, ברידער בעזנער, זיימץ, ראזענבערג, וויינבערג, לייבאוויטש, אבראמסאן, דייוו גודמאן, גאלד, מילמאן, שפיטצער, דאשעפ־סקי, איביעל, פון ראדי מאנופ., דאראשא, מאדאם דאראשא, סעם שיפער, מארטעל, דזשארדזש גאלדשטיין, ארפין, פוינט, דזשייקאבס, איטאן, קייזער, ראבאטא, מיס דזשייקאבס, משה, טשערמאן היימאנס ליגע, גארמאן, לואי דאבראפסקי.

דליג יאהר צוריק. עס איז דאָך אפילו שווער צו פאַרגלייכען. מיר לעבען איצט איבער אין אמעריקע א שווערען קריזיס. מיליאָנען ארבייטער זיינען ארבייטסלאָז און לידען גרויס נויט, אבער די וואס געדענקען דעם גרויסען קריזיס אין אמעריקע מיט קנאַפּע 40 יאהר צוריק (דער קריזיס פון 1893) ווייסען, אז דעמאָלט איז די לאַגע פון די ארבייטער געווען אונפאַרגלייכליך שרעקליכער. עס איז דאָך קיין שום פאַרגלייך ווי די ארבייטער האָבען דעמאָלט געלעבט און ווי זיי לעבען היינט. אין דער ווירקליכקייט האָט אן ארבייטער מיט 40 יאהר צוריק אפילו ניט געטרוימט פון דעם שטאַנדארד לעבען פון דעם ארבייטער היינט. 42 יאהר איז פאַרהעלטניסמעסיג א קורצע צייט אין דעם גרויסען היסטאָרישען קאמף, וואס דער ארבייטער קלאס פיהרט אן פאר זיין באפרייאונג, אָבער דער וועג, וואס דער ארבייטער קלאס איז אין דער קורצער צייט אפגעגאנגען, איז א גאנץ היפּשער און דער פראגרעס, וואס ער האָט געמאכט, איז א גאנץ גרויסער.

ווען דער ערשטער מאי איז ערקלערט געווארען פאר אן אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום טוב, האָט די פאָדערונג פון אן 8-שטונדיגען ארבייטס טאָג, וואס איז דאן ארויסגעשטעלט געווארען, אויסגעקוקט ווי א פאנטאזיע. די ארבייטער זיינען דאן נאָך געווען וועניג ארגאַניזירט, זייערע יוניאָנס זיינען געווען שוואך און די עקספּלואטאציע פון די ארבייטער אין די ווערקשטאטען און פאבריקען איז געווען שרעקליך. דער באלעבאָס איז געווען דער אונבאגרענצטער זעלבסטהערשער אין שאפּ און די ארבייט-שטונדען זיינען געווען אזוי לאנג ווי ער האָט נאָר געוואלט. די פאָדערונג פון אן ארבייטס-טאָג פון 8 שטונדען האָט דעריבער דאן אויסגעקוקט ווי א פאנטאזיע.

עס איז אמת, אז ניט נאָך אומעטום איז אפילו היינט שוין איינגעפירט דער 8-שטונדיגער ארבייטס טאָג. מיר ווייסען, אז אפילו ביי אונז אין אמעריקע ווערט אין דער שטאָל אינדוסטריע נאָך געארבייט ביז 12 שטונדען א טאָג. און אין דער טעקסטיל אינדוסטריע אין דער סאוטה נאָך מעהר. און מיר דארפען ניט געהן זוכען ביי אנדערע. מיר האָבען נאָך אין דער קלאוק און אין דער דרעס אינדוסטריע סועט שעפּער וואו מען ארבייט אזוי פיל וויפיל די באָסעס ווילען. און די באסעס, פארשטעהט זיך, ווילען וואס מעהר. אָבער יעדער מוז דאָך צוגעבען, אז לאנגע ארבייטס שטונדען, הגם זיי זיינען נאָך פאראן, זיינען איצט אן אויסנאם. דער פאקט איז, אז מען ווייזט אָן מיט די פינגער אויף אזעלכע שעפּער און אינדוסטריעס, וואו דער ארבייטס-טאָג איז א לאנגער. אלס א כלל איז ניט נאָר שוין איינגעפיהרט דער 8-שטונדיגער ארבייטס-טאָג, נאָר מיר האָבען שוין אין פיל אינדוסטריעס נאָך א קירצערען ארבייטס-טאָג. די אינטערנעשאַנעל איז געווען די ערשטע יוניאן, וואס האָט אויסגעקעמפט א 40 שטונדיגע ארבייטס-וואָך, וואס דאָס איז אין דורכשניט ווייניגער ווי 7 שטונדען ארבייט א טאָג.

ווען מ'האָט צום ערשטען מאָל ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אן 8-שטונדיגען ארבייטס-טאָג האָט מען געדארפט ארויסקלערען א ספּעציעלע טעאָריע עס צו באַרעכטיגען. עס האָט געהייסען, אז די נאַטור אליין האָט איינגעשטעלט די צייט, אז א מענש דארף ארבייטען 8 שעה, רוהען 8 שעה און שלאָפען 8 שעה. דערמיט זיינען די 24 שטונדען אין מעת לעת אויסגעפילט. היינט אָבער ווייסען מיר, אז עס שאדט גאר ניט, ווען מ'רוהט מעהר ווי 8 שעה און ווען מען שלאָפט אמאָל מעהר ווי 8 שעה א טאָג. די ליידיגע צייט קען דער ארבייטער גאנץ גוט אויסנוצען אויף לייענען, פארברענגען מיט זיין פאמיליע, אונטערהאלטונג און געזעלשאפטליכע טעטיגקייט. אלענפאלס האָבען מיר נאָך ביז איצט ניט געהערט, אז ארבייטער זאָלען זיך באקלאָגען, אז זיי האָבען ניט וואס צו טאָן מיט דער ליידיגער צייט וואס זיי האָבען נאָך דער ארבייט.

און איצט פאָדערט די ארגאַניזירטע ארבייטערשאפט א ווייטערע פארקירצונג פון דעם ארבייטס-טאָג. די אנטוויקלונג פון דער מאשין, די נייע מעטאָדען פון ארבייט, די פארשידענע טעכנישע ערפינדונגען האָבען ארויסגעווארפען אויף'ן גאס מיליאָנען ארבייטער און צוגענומען ביי זיי אפילו די האָפנונג צו קריגען ארבייט. די אזוי-גערופענע טעכנאָלאָגישע ארבייטסלאָזיגקייט, עס הייסט די ארבייטסלאָזיגקייט וואס איז געשאַפען געוואָרען דורך דער אנטוויקלונג פון דער טעכניק, איז ניט קיין לאָקאלע, זי איז ניט קיין ערשיינונג אין איין לאנד, נאָר אין אלע אינדוסטריעלע לענדער פון דער וועלט. די איצטיגע ארבייטסלאָזיגקייט איז אינטערנאציאנאל, און די ארבייטער מוזען דעריבער זיין אינטערנאציאנאל פאראייניגט ארבייטסלאָזיגקייט צו באקעמפען.

דער ווירקזאמסטער מיטעל צו פארקלענערען די וואקסענדע ארבייטסלאָזע ארמיי איז די פארקירצונג פון ארבייטס-טאָג. די נאָהענטסטע פאָדערונג פון די ארבייטער היינט איז די איינפיהרונג פון דער פינף-טאָגיגער ארבייטס-וואָך.

און ווען מען באטראכט וויפיל דער ארבייטער קלאס האָט אויסגעקעמפט פאר די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאהר; ווען מען דערמאָנט זיך נאָר, ווי די ארבייטער זיינען געווען פארשקלאפט און פארפינסטערט, דעמאָלט מוז מען אפילו אין דער איצטיגער שווערער צייט ווערען מוטיגער און האָפנונגספולער און דער גלויבען אין דעם ענדליכען זיג פון ארבייטער קלאס מוז שטארקער ווערען.

און פייערענדיג דעם גרויסען אינטערנאַציאנאלען ארבייטער יום טוב, דארפען די ארבייטער טראכטען, אז זייער לאגע וואלט געווען היינט א סך בעסער, ווען זיי וואלטען געווען איינינער, ווען זיי וואלטען זייערע כחות שטענדיג געהאלטען פאראייניגט פאר דעם קאמף צו פארבעסערען זייער לעבען. צום באדויערען זיינען היינט די כחות פון די ארבייטער ווייט ניט פאראייניגט און אָפט קען מען היינט געברויכען פאר דער ארבייטער באוועגונג די ווערטער פון נביא: „דיינע צושטערער און דיינע פארניכטער קומען ארויס פון דיר אליין."

דער ערשטער מאי איז דער יום טוב פון ארבייטער איינינקייט, פון ארבייטער סאָלידאריטעט. דער ערשטער מאי יום טוב איז א רוף צו די ארבייטער פון יעדען לאנד און צו די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, אז זיי זאָלען זיין פאראייניגט, כדי זיי זאָלען אויסקעמפען נייע געווינסען און ווייטער פראגרעסירען ביז זיי וועלען ענדליך דערגרייכען זייער ציל אבצושאפען די איצטיגע קלאסען געזעלשאפט וואס איז געבויט אויף עקספּלואטאציע און אונטערדריקונג און איינפיהרען א געזעלשאפט פון עקאָנאָמישער און סאָציאלער גלייכהייט, וואו איין מענש וועט דעם צווייטען ניט עקספּלואטירען און וואו איינער וועט דעם צווייטען ניט קענען אונטערדריקען.

די ערשטע קאָנפערענצען מיט די קלאוק מאַנופעקטשורערס

די ערשטע קאָנפערענצען צווישען דער יוניאן מיט די באלעבאטים פון דער קלאוק אינדוסטריע וועגן א נייעם אגרימענט, האָבען ניט געגעבען צופיל האָפנונגען, אז עס וועט זיין לייכט זיך צונויפצורעדען. אפשר וועלען די ווייטערדיגע קאָנפערענצען געבען בעסערע האָפנונגען. ווייניגסטענס מעג מען זיך עס ווינשען. ווארום אויב די קלאוק מאכער האָבען זיך קיינמאָל ניט אפגעשראקען פון א קאמף און זיי האָבען אלע מאָל געוויזען, אז זיי קענען קעמפען און שטעהן אין קאמף ווי לאנג מען דארף נאָר, האָבען זיי אָבער דאָך אלע מאָל געזוכט אויסצומיידען א קאמף, ווען עס איז נאָר געווען מעגליך.

מיר וועלען דאָ ניט זאגען קיין נביאות, אָבער אונז שיינט, אז די מאנופעקטשורערס טרייבען דערצו, אז אן אָפענער קאמף זאָל ווערען אונפארמיידליך.

עס איז קלאָר געווארען פון די ערשטע קאָנפערענצען, אז די מאנופעקטשורערס האָבען ביי זיך באשלאָסען איינצופיהרען אין טרייד שטיק ארבייט אנשטאָט די איצטיגע וואָך-ארבייט. און כדי עס זאָל ניט קלינגען אזוי שלעכט אין די אויערען פון די ארבייטער און אויך פון זייטיגען עולם, ווייל זיי ווייסען, אז וואָך-ארבייט איז א מעהר מענשליכע און א מעהר גערעכטע סיסטעם, האָבען זיי פאר זייערע באשלאָסענע ענדערונגען אויסגעפונען אן איידעלערען נאָמען. זיי ווילען חס ושלום ניט איינפיהרען די סיסטעם פון שטיק ארבייט, נאָר די סיסטעם פון פרייען אויס-

צו אונזער קאנווענשאן אין פילאדעלפיע.

דער באריכט פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע צו דער קאנווענשאן, וואס נעמט ארום קנאפע צוויי און א האלב יאהר ארבייט פון דער אינטערנעשאנעל — פון דער קאנווענשאן אין קליוולאנד ביז היינט, האט זעהר פיל צו דערצעהלען די דעלעגאטען, וואס קומען זיך צונויף דעם 2טען מאי צו דער קאנווענשאן אין פילאדעלפיע. דער באריכט דערצעהלט ניט בלויז פון פיל גרויסע, שווערע קאמפען פון אויסען — פון קאמפען מיט די באלעבאטים, נאר אויך פון אינעווייניגסטע קאמפן אין דער יוניאן גופא. דער באריכט פארדעקט קיין זאך ניט. און ווען דער געשיכטשרייבער פון דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקע וועט דארפען שרייבען די בלעטער געשיכטע פון אונזער צייט, וועט ער אין דעם באריכט געפינען א פארטרויענסווערטען מאטעריאל וועגען דעם לעבען און קאמף פון דער אינטערנעשאנעל אין דעם שפאן פון דער צייט, וואס ליגט צווישען דער קאנווענשאן פון קליוולאנד און די קאנווענשאן פון פילאדעלפיע.

עס זיינען געווען זעהר שווערע צוויי און א האלב יאהר. עס איז געווען צוויי און א האלב יאהר שווערער אומאונטערבראכענער קריזיס.

דער קריזיס האט שוין שווער געדריקט, ווען די קאנווענשאן אין קליוולאנד איז אפגעהאלטען געווארען, אבער עס איז דעמאלט געווען בלויז זיין אנפאנג. מען איז נאך פון איהם ניט געווען אויסגעמאטערט און מען האט געהאפט, אז ער וועט לאנג ניט אנהאלטען. מען האט זיך דעמאלט געטרייסט מיט ביישפילען פון דער פארגאנגענהייט; מען האט נאכגעפארשט די קריזיסען, וואס זיינען פריהער פארגעקומען, און מ'האט אויסגעפונען, אז זיי האבען ניט זעהר לאנג אנגעהאלטען. עס האט זיך אבער אויסגעלאזען, אז דער איצטיגער קריזיס האט ניט געפאלגט די ביישפילען פון זיינע פארגענגער און עס איז שוין איבער דריי יאהר, ווי ער האלט אן און וואס א יאהר ווייטער אלץ שווערער און דריקענדער איז ער געווארען.

נאר ניט קוקענדיג אויף דער אונפארגלייכלאכער שווערער צייט האט דאך די אינטערנעשאנעל צו פארצייכענען אין די לעצטע צוויי און א האלב יאהר א גאנץ רייכע טעטיגקייט. די אינטערנעשאנאל איז איינע פון די גאנץ ווייניגע יוניאנס אין אמעריקע, וואס איז ניט אפהענגיג געווארען אין דער איצטיגער שרעקלאכער דעפרעסיע. אויך אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע האבען די באלעבאטים געוואלט אויסנוצען די געדריקטע לאגע פון די ארבייטער פאר זייערע אינטערעסען, אבער די אינטערנעשאנעל האט אנגעפירט א שטרענגען קאמף און אפגעשלאגען יעדען אנגריף און אין מאנכע פאלען האט זי נאך אויסגעקעמפט בעסערע באדינגונגען פאר די ארבייטער.

און די אינטערנעשאנעל וואלט געהאט צו דערצעהלען פון א סך ערפאלגען אין איהר קאמף, ווען אין מאנכע פון איהרע לאקאל יוניאנס וואלט עקזיסטירט מעהר איינינקייט, ווען זי וואלט געהאט די פולע קאאפעראציע פון אלע איהרע טיילען און וואלט געהאט מעהר געלד־מיטלען אנצופירען איהר ארבייט.

עס איז פאראן א ווערטעל, וואס זאגט, אז ווען דאס ברויט געהט אויס פון הויז קומט קריג אין הויז. מיר גלויבען דעריבער, אז אין די אינעווייניגסטע ריבערייען און קריגערייען פון מאנכע לאקאלס איז צום גרויסען טייל שולדיג די איצטיגע שלעכטע צייט, די ארבייטסלאזיגקייט, די מאגערע פארדינסטען און די גרויסע נויט. אבער טרעיד יוניאן פירער דארפען פארשטעהן, אז אין אזא שווערער צייט איז זייער אויפגאבע אנצושטרענגען אלע זייערע כוחות צו שאפען וואס מעהר איינינגקייט אין דער יוניאן און צו שטארקען איהרע כוחות און ניט איהר אפשוואכען און פארשווענדען איהרע כוחות אויף אינערליכע רייסערייען. אין אזא צייט, ווען די פינאנציעלע לאגע פון דער יוניאן איז שוין ממילא זעהר א געדריקטע טאר זי ניט נאך ערגער געמאכט ווערען דורך אפאזיציעס און לאקאלע גרופען פאליטיק.

דאך, ניט קוקענדיג אויף די דאפעלטע און דרייפאכיגע שוועריגקייטען, וואס די אינטערנעשאנעל האט געדארפט איבערקומען אין די צוויי און א האלב יאהר, קומט זי דאך צו דער קאנווענשאן אין פילאדעלפיע מיט א רעקארד פון א רייכער טעטיגקייט און מיט א געפיהל, אז זי האט געטאן אלץ, וואס איז נאר מעגליך געווען אין איהרע כוחות צו ערפילען איהרע אויפגאבען, וואס די קאנווענשאן פון קליוולאנד האט אויף איהר ארויפגעלייגט. און עס וועט זיין די אויפגאבע פון די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן אין פילאדעלפיע צושאפען מעהר איינינקייט אין דער יוניאן און מעהר געלד־מיטלען פאר דער יוניאן, אז זי זאל קענען דערפילען איהרע ווייטערדיגע אויפגאבען מיט נאך מעהר ערפאלג.

מיר באגריסען די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן און ווינשען זיי דעם גרעסטען ערפאלג אין זייער ארבייט צו דעם וואויל פון דער גרויסער מיטגלידערשאפט פון אונזער יוניאן.

צום ערשטען מאי

ניט מיט קיין פרעהליכען הארצען באגעגענט דאס מאל דער ארבייטער קלאס פון דער וועלט זיין אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום טוב — דעם ערשטען מאי.

עס איז געווען ניט פרעהליך מיט א יאהר צוריק, אבער עס איז נאך ערגער היינט. מיט א יאהר צוריק האט מען געגלויבט, אז מען האט שוין דערגרייכט דעם גרענעץ פון שלעכטס און אז ערגער קען שוין ניט ווערען און מען האט דעריבער געהאפט, אז עס וועט נעמען א ווענדונג צום בעסערען. די ביטערע ערפארונג, אבער, האט אונז געלערנט, אז עס איז ניטא קיין גרעניץ צו שלעכטס. די לאגע פון די ארבייטער איז היינט נאך ערגער ווי מיט א יאהר צוריק. עס איז נאך גרעסער געוואקסען די ארמיי פון די ארבייטסלאזע, עס איז נאך שטארקער געווארען די נויט און עס זיינען נאך שארפער געווארען די לײדען פון די ארבייטער מאסען.

דער ארבייטער קלאס קען זיך לידער אין קיין לאנד ניט בארימען מיט וועלכע עס איז באדייטענדע זיגע אויף דעם שלאכטפעלד צווישען קאפיטאל און ארבייט. אין נעגענטייל. מיר דארפען צו אונזער גרויסען פארדרוס צוגעבען, אז אנשטאט זיגען האבען מיר גיכער צו פארצייכענען נידערלאגען. די באלעבאטים האבען ניט פארמידען אויסצונוצען די געדריקטע לאגע פון די ארבייטער און זיי האבען איהר נאך שווערער און דריקענדער געמאכט. און אין די מייסטע פאלען האבען די ארבייטער זיך געפיהלט אזוי אפהענגיג, אז זיי האבען זיך אונטערגעגעבען אפילו אהן א קאמף. די אינטערנעשאנעל איז איינע פון די ווייניגע יוניאנס, וואס קען זיך בארימען, אז זי האט אויך אפילו אין דעם לעצטען שווערען און געדריקטען יאהר אנגעפיהרט א קאמף אנצוהאלטען יוניאן באדינגונגען און האט אומעטום ארויסגעוויזען א ווידערשטאנד און אפגעשלאגען דעם אנגריף פון די באלעבאטים. אבער אונזער אינטערנעשאנעל איז בלויז געווען איינע פון די ווייניגע אויסנאמען און דאס אלגעמיינע בילד פון דער ארבייטער באוועגונג ווערט דורך איהרע קאמפען, וואס זי האט אנגעפיהרט, ווייניג געענדערט.

אבער אויב די יום טוב'דיגע שטימונג, וואס דער ערשטער מאי רופט ארויס, איז דאס יאהר שטארק געשטערט פון דעם שווערען קריזיס, וואס די ארבייטער לעבען איצט איבער, קענען זיי אבער דאך אין דעם ערשטען מאי יום טוב שעפען דערמוטיגונג, טרייסט און האפענונג אנצופיהרען זייער קאמף ווייטער ביז זיי וועטלען דערגרייכען זייער ענדליכע באפרייאונג.

אמת, די לאגע פון די ארבייטער איז איצט זעהר א ביטערע, אבער ווען זיי גיבען א קוק ווי די לאגע פון די ארבייטער איז געווען מיט 42 יאהר צוריק, ווען דער ערשטער מאי איז פראקלאמירט געווארען פאר דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום טוב, מוזען זיי ווערען אנגעפילט מיט מוט און האפענונג.

42 יאהר איז נאר א קורצער שפאן צייט. ניט בלויז די אלטע צווישען אונז, נאר אויך די מיטעל־יעהריגע געדענקען, ווי די ארבייטער האבען געלעבט מיט פיר צעהנ־

פון דעם ארבייטער אין שאפּ איז, ווען ער איז געשיצט מיט זיין דזשאב, אבער וואס פאר א שוץ פאר זיין דזשאב קען ער האָבען ביי דעם קאָנטראקטאָר אין שאפּ? דער קאָנטראקטאָר דערצעהלט זיינע ארבייטער, אז ער קען קריגען ארבייט פאר זיי פון דעם דזשאבער, אויב זיי וועלען איינוויליגען צו ארבייטען פאר דעם פרייז, וואס דער דזשאבער באָט איהם אָן, אויב ניט, אָבער, קענען זיי געהן צעהלען די שטיינער אין גאס.

דער איינציגער מיטעל געגען דעם דאָזיגען אונדערטרעגליכען צושטאנד איז, אז עס זאָל באשטימט ווערען די צאָל פון קאָנטראקטאָרס צו וועלכער יעדער דזשאָבער קען געבען זיין ארבייט. יעדער דזשאָבער וועט וויפיל קאָנטראקטאָרס ער קען באשעפטיגען און ער האָט די פרייהייט זיך אויסצוקלייבען וועלכע קאָנטראקטאָרס איהם געפעלען, אָבער ער טאָר ניט האָבען דאָס רעכט ארויסצוגעהן מיט זיין ארבייט צו אלע קאָנטראקטאָרס פון שטאָדט און באשאפען צווישען זיי אזא קאָנקורענץ, אז די ארבייטער זאלען שפּעטער זיין געצוואונגען צו ארבייטען פאר א הונגער לוין.

פּרעזידענט שלעזינגער האָט פאָרמולירט די פאָדערונג צו די דזשאבערס אויף דעם פאלגענדען אופן:

„די אורזאך, פאר וואס די ארבייטער אין די אינסייד־שעפּער באשטעהען מעהר אויף זייער רעכט און באדינגונגען אונטער'ן יוניאן אגרימענט, ווי די וואס ארבייטען פאר קאָנטראקטאָרס, איז, ווייל די ארבייטער אין די אינסייד שעפּער האנדלען דירעקט מיט דעם מאנופעקטשורער און זיי ווייסען, אז ווען זיי האָבען א גערעכטע קלאגע, וועט די אסאָסיאיישאָן אדער דער אומפּארטייאישער טשערמאָן אָרדערען זייער באלעבאָס גוט־צו־מאכען זיין פארברעכען געגען אגרימענט. די ארבייטער אין אינסייד שאפּ האָבען קיין מורא ניט, אז דורך דעם וואס זיי וועלען ניט וועלען איבערטרעטען די יוניאן רולס וועלען זיי בארויבט ווערען פון דער מעגליכקייט צו מאכען א לעבען.

„אין פאָל פון א קאָנטראקטינג שאפּ, איז שוין די געשיכטע אנדערש. ווען א קלאָגע ווערט ארייננעבראכט געגען א קאָנטראקטאָר, אז ער האָט איבערטראָטען די יוניאן רולס, קען זיין דער באלדיגער רעזולטאַט, אז מען זאָל אָרדערען דעם דזשאבער אוועקצונעמען די ארבייט פון דעם שאפּ. ווען מען נעמט אָבער אוועק די ארבייט פון א קאָנטראקטאָר, מיינט עס, אז מען נעמט אוועק די מעגליכקייטען צו מאכען לעבען פון די ארבייטער וואס ווערען באשעפטיגט אין דעם שאפּ. אונטער די אומשטענדען איז זעלבסט־פארשטענדליך, אז די ארבייטער האָבען מורא זיך באקלאָגען אום זיי זאָלען ניט פארלירען זייערע דזשאבס."

מיר וואָלטען ניט וועלען געברויכען אזא שארפען אויסדרוק, און זאגען, אז עס שמעקט מיט מלחמה, אָבער מיר מוזען זאגען, אז פרידליך זעהט די לאגע זיכער ניט אויס. אז מען דארף זיך גרייטען, איז קיין צווייפעל ניט. און גרייטען זיך מיינט, אז די קלאוקמאכער דארפען האלטען זייערע רייהען וואס שטארקער פאראייניגט און אז זיי דארפען שאפען געגנוג אמוניציע — דאָס הייסט געלד און, מיר זיינען זיכער, אז די קלאָוק מאכער וועלען עס טאָן און וועלען זיין צוגעגרייט ווען עס וועט קומען צו אן אָפענעם קאמף.

צו דער קאָנווענשאָן פון ארב. רינג

דער ארבייטער רינג קומט צו זיין קאָנווענשאָן אין באָסטאָן מיט מעהר פאראייניגטע און מעהר פארשטארקטע כוחות.

די קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג אין באָסטאָן איז א פאראייניגונגס קאָנווענשאָן. זי איז הויפּטזעכליך גערופען געווארען פאר דעם צוועק צו ראטיפיצירען די פאראייניגונג מיט'ן „אינדעפּענדענט ארבייטער רינג".

א פאראייניגונג פון די צוויי ארבייטער רינגס איז ניט בלויז פון גרויס באדייטונג פאר די צוויי ארגאניזאציעס, וואס האָבען זיך פאראייניגט, נאָר פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

פיל ביז בלוט האָט דער לאנגער קאמף צווישען די צוויי ארבייטער רינגס געשאפען אין די רייהען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג. און פארדריסליכער פאר אלץ איז געווען, אז עס איז ניט געווען קיין שום פּרינציפּיעלער גרונד פאר א קאמף. עס איז געווען ניט מעהר ווי „א געשיכטליכער טעות", ווי עס דריקט זיך אויס דער „פריינד", דער אָפיציעלער אָרגאן פון ארבייטער רינג.

אָבער דער אמאָליגער ברודער קאמף וועט פארגעסען ווערען, בלייבען וועט די ברידערליכע פאראייניגונג.

די אינטערנעשאָנעל האָט באזונדערס פריינדליכע געפילען צום ארבייטער רינג און וואלט וועלען איהם זעהן וואס גרעסער, וואס שטארקער און ערפאָלגרייכער. דער ארבייטער רינג האָט אלע מאָל גענומען א נאָהענטען אינטערעס אין די קאמפען וואס די אינטערנעשאָנעל האָט געפיהרט און ווען נויטיג איז ער געקומען צו הילף.

פאר דער אינטערנעשאָנעל איז עס א באזונדער פרייד צו באגריסען דעם ארבייטער רינג צו זיין איצטיגער קאָנווענשאָן. עס איז א פרייד צו זעהן, אז ארבייטער ארגאניזאציעס, וואס האָבען זיך פריהער באקעמפט, פאראייניגען זיך פאר א געמיינשאפטליכער ארבייט.

מיר ווינשען דעם ארבייטער רינג ווייטערדיגען ערפאָלג אין זיין אנטוויקלונג, אין זיין וואוקס און אין זיין וויכטיגער און ניצליכער טעטיגקייט פאר די אידישע ארבייטער און פאר דער ארבייטער באוועגונג.

מאָריס ווינטשעווסקי

איינער פון אונזערע ערשטע און אין מאנכע הינזיכטען דער ערשטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג איז פון אונז אוועק.

מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען איינער פון די ערשטע בויער פון דער אידישער סאָציאליסטישער און טרייד יוניאָניסטישער באוועגונג און איז געווען דער ערשטער סאָציאליסטישער שרייבער אויף אידיש. דאָס ערשטע אידישע סאָציאליסטישע וואָרט האָט באקומען זיין פאָרם און זיין אויסדרוק פון מאָריס ווינטשעווסקי'ס פעדער.

דער סאָציאליסטישער אידעאל האָט פארכאָפּט מאָריס ווינטשעווסקי'ן, ווען ער איז נאָך געווען גאנץ יונג און ער איז געבליבען אן איבערגעגעבענער סאָציאליסט זיין גאנצען לעבען. ער האָט מיט זיין גרויסען שריפטשטעלערישען טאלאנט און מיט זיינע פּאָעטישע באגאבונגען זיין גאנצען לעבען געדינט דעם ארבייטער קלאס און דעם סאָציאליסטישען אידעאל.

מיט דער אינטערנעשאָנעל האָט מאָריס ווינטשעווסקי געהאט א דירעקטע פארבינדונג דורך דעם, וואס ער איז געווען א לענגערע צייט דער פינאנץ־סעקרעטער פון דער ווייסט און דרעס מאכער יוניאָן, וועלכע האָט דעמאָלט געטראגען דעם נומער לאָקאל 25 און וועלכע האָט איבערגעלאָזען א גלאָררייכען קאפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנעל.

ווינטשעווסקי איז אויך געווען אין דער ערשטער צייט דער רעדאקטאָר פון דער וועכענטליכער שריפט „גלייכהייט", וואס די ווייסט און דרעסמאכער יוניאָן האָט דעמאָלט ארויסגעגעבען.

דער אנדענק פון מאָריס ווינטשעווסקי וועט בלייבען שטענדיג לעבען אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג. ער וועט אלע מאָל דערמאָנט ווערען צווישען איהרע ערשטע בויער און ערשטע וואָרט־זאָגער.

טרויער רעזאָלוציע אויפ'ן טויט פון מאָריס ווינטשעווסקי

די דזשאָינט באָארד פון דער דרעס און ווייסט מאכער יוניאָן, פארזאמעלט ביים מיטינג, דריקט אויס איהר גרויסען צער אויף דעם טויט פון ברודער מאָריס ווינטשעווסקי.

די איבערגעגעבענהייט פון דעם נאָבעלען מענשען צו די אינטערעסען פון די ארבייטער וועט אייביג באגייסטערען די דרעסמאכער וועלכע וועלען קיינמאָל ניט פארגעסען די צייט ווען ער, אלס באאמטער פון זייער יוניאָן, האָט מיט זיין ענטוזיאזם און טעטיגקייט אזוי פיל ביינעטראָגען צום פאָרטשריט און פארשטארקונג פון דעם גלאָררייכען אלטען לאָקאל 25.

דזשאָינט באָארד ווייסט און דרעסמאכער יוניאָן

א. ק ר י ו ו ע ל אָ, סעקרעטער.

וואהל. עס הייסט, אז מען זאָל זיין פריי זיך אויסצוקלייבען וואס עס געפעלט בעסער — שטיק ארבייט אדער וואך ארבייט. ווי עס איז איצט, פארשטעהט איהר, איז גיטאַ קיין פרייהייט אין דער קלאוק אינדוסטריע. די ארבייטער זיינען געצוואונגען צו ארבייטען פון וואך, ווען עס זאָל זיך זיי אפילו וועלען ארבייטען פון שטיק. וועלען דעריבער די קלאוק מאנופעקטשורערס איינפיהרען פאר זיי די פרייהייט זיך אויסצוקלייבען וואס זיי געפעלט. וועט אימיצען געפעלען זיין צו ארבייטען פון וואך, וועט ער ארבייטען פון וואך, וועט איינעם אָבער געפעלען זיין צו ארבייטען פון שטיק, וועט ער האָבען די פרייהייט צו ארבייטען פון שטיק.

דאָס קלינגט העכסט ליבעראל. די מאנופעקטשורערס ווילען ניט אפשאפען א גוטע סיסטעם און איינפיהרען אויף איהר פלאץ אן ערגערע. גאָט באהיט! זיי ווילען בלויז אז די ארבייטער זאלען האָבען דעם פרייען אויסוואהל און ווען קען דאס זיין געגען פרייהייט פאר די ארבייטער?

נאָר מיט א שפּיל פון ווערטער ווערען זאכען ניט געענדערט. אלע וויסען וואס די מאנופעקטשורערס ווילען, וועלכע ווערטער און אויסדרוקען זיי זאלען ניט געברויכען. זיי ווילען האָבען די פרייהייט איינצופיהרען שטיק ארבייט אַנשטאָט וואך־ארבייט און דאָס וועלען די קלאוק מאכער ניט דערלאזען. דער ענטפער פון פרעזידענט שלעזינגער איז געווען אזוי קלאָר און אזוי שאַרף, אז ער האָט ניט געקענט איבערלאזען קיין שום צווייפעל אין דעם צו וואס דער פארלאנג פון די מאנופעקטשורערס וועט פיהרען.

פרעזידענט שלעזינגער'ס ענטפער.

אויף דעם פארלאנג פון די מאנופעקטשורערס איינצופיהרען שטיק־ארבייט האָט פרעזידענט שלעזינגער געגעבען דעם פאלגענדען ענטפער:

דער „אינדאַסטריעל קאונסיל" שלאָגט פאר דריי מיטלען אלס רפואה צו דער שלעכטער לאגע אין דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע. זייער וויכטיגסטער פארשלאג איז, אז דער אגרימענט זאָל ענטהאלטען א פונקט „וועגען אן אויסקלייבערישער סיסטעם פון פראדוקציע אנשטאָט די סיסטעם פון וואָך־ארבייט", מיינענדיג דאָס איינפיהרען פון שטיק ארבייט.

ווענען דעם ווילען מיר זאגען, אז דורך די לעצטע פיר מאָנאטען, זינט מיר האָבען ערהאלטען אייער צושריפט, האָבען מיר דעם פארשלאג פאר אן „אויסקלייבערישע סיסטעם פון פראדוקציע, וועלכע זאָל פארבייטען די סיסטעם פון וואך־ארבייט" גרינדליך און ערנסט באטראכט. און מיר מוזען אייך זאגען, אז וואס מעהר מיר באַטראכטען אייער פּאַרשלאג, וואָס מעהר מיר האָבען געוואויגען אייערע ארגומענטען, אלץ מעהר זיינען מיר געווארען איבערצייגט, אז שטיק ארבייט וועט ניט לייזען און וועט ניט אָפשאפען די איבלען, אויף וועלכער אייער אסאָסיאיישאָן באַקלאָגט זיך. שטיק־ארבייט וועט ניט אָפשאפען די אומגלייכהייט אין פראדוקציאנס־קאָסטען, וועלכע עקזיסטירען אין דער אינדוסטריע, און וועט ניט פארקלענערען די קאָנקורענץ פון די קליינע שעפּער געגען די גרויסע, אזוי ווייט ווי עס אנבאלאנגט די פראדוקציאנס־קאסטען.

שטודירענדיג די פראדוקציאנס־באדינגונגען אין די צוויי אינדוסטריעס — קלאוקס און סוטס און דרעסעס — די לעצטע אן אינדוסטריע, וואו עס איז איינגעפיהרט שטיק ארבייט — האָט אונז איבערצייגט, ניט איבערלאָזענדיג קיין שאָטען פון צווייפעל, און מוז איבערצייגען יעדען אויפריכטיג דענקענדען מענשען, אז עס איז שווערער אויפצוהאלטען גלייכע ארבייטס־באדינגונגען אין אן אינדוסטריע, וואו מען ארבייט פון שטיק, ווי אין אן אינדוסטריע, וואו עס איז איינגעפיהרט וואך־ארבייט; אז אויב עס איז אמת, אז ווידזש־סקעילס ווערען בגנבה פון דער יוניאן פארקלענערט אין די קלענערע קאָנטראקטינג שעפּער און דורך דעם שאפען זיי א רואינירענדע קאָנקורענץ געגען די אינסייד שעפּער, וועט זיכער שטיק ארבייט, וואו מען קען לייכטער מאניפולירען די פרייזען פאר ארבייט, מאכען די דאזיגע קאָנקורענץ נאָך פיל שעדליכער.

דאָס איז וועגען שטיק־ארבייט אלס מיטעל געגען די איבלען אין דער אינדוסטריע. וואס אנבאלאנגט די ארבייטער, וואלט שטיק ארבייט ארונטערגעדריקט זייערע פארדינסטען און זייערע לעבענס־באדינגונגען צו דער נידעריגסטער שטופע.

און אונזער ענטפער צו אייך, אויף אייער פאַרשלאג איינצופיהרען „אן אויסקלייבערישע סיסטעם פון פראדוקציע צו פארנעמען דעם פלאץ פון וואָך ארבייט" איז דעריבער, אז אונזער יוניאן קען ניט און וועט עס ניט אָננעמען.

דער ענטפער פון פרעזידענט שלעזינגער צו דער אסאָסיאיישאָן פון קאָנטראַקטאָרס איז געווען נאָך קירצער, ווען אויך איהרע פארטרעטער זיינען ארויסגעקומען מיט דער פאדערונג פון שטיק־ארבייט.

עס איז פארשטענדליך וואָרום איהר ווילט שטיק ארבייט, האָט פרעזידענט שלעזינגער צו זיי געזאָגט, אייער איינציגע עקזיסטענץ הענגט דאָך אָפּ פון דעם, וואָס איהר שניידט אראָפּ אביסעל פון די ווייַדזשעס פון די ארבייטער און נעמט פאר זיך. מיט שטיק ארבייט האָט איהר א לייכטען און גראדען חשבון. איהר נעמט אזוי פיל פון שטיק פון דעם דזשאבער און צאָלט מיט אזוי פיל וויינינער די ארבייטער. דער אונטערשיד אין דעם פרייז איז אייער פראפיט. דער מאנופעקטשורער קען אָפט מאכען געלד פון א נייעם פאַסאָן, א סטייל, וואס איהם האָט זיך איינגעגעבען צו שאַפען. ער קען אויך א מאָל מאכען געלד פון דעם, וואס איהם האָט זיך איינגעגעבען צו קויפען מעהר אנציהענדע שטאָף, אדער פאר א ביליגערן פרייז. איהר קאָנטראַקטאָרס, אבער, קענט האָבען בלויז דאָס, וואָס איהר נעמט דירעקט אראָפּ פון דעם ארבייטער און עס פארשטייט זיך דעריבער, אז איהר זוכט א וועג, אז איהר זאָלט קענען שניידען פון איהם וואס מעהר. שטיק־ארבייט, דענקט איהר, איז פאר דעם צוועק דער בעסטער וועג. אָבער איהר דארפט וויסען, אז דער בעסטער וועג פאר אייך איז דער ערגסטער וועג פאר אייערע ארבייטער און מיר וועלען אייך ניט דערלאזען.

די באגרענעצונג פון דער צאָל קאָנטראַקטאָרס.

איינע פון די וויכטיגסטע פאדערונגען, וואס זיינען ארויסגעשטעלט געווארען אין די קאָנפערענצען מיט די באַלעבאטים איז די פאדערונג צו די דזשאַבערס וועגען דער באגרעניצונג פון דער צאָל קאָנטראַקטאָרס, צו וועמען זיי קענען געבען זייער ארבייט.

דורך דעם, וואס דער דזשאבער קען געבען זיין ארבייט צו אזוי פיל קאָנטראַקטאָרס וויפיל ער וויל, האָט ער די מעגליכקייט אראָפּצודריקען די פרייזען פון דער ארבייט אזוי נידעריג, ווי נאָר מעגליך. ער באשאפט די שטארקסטע קאָנקורענץ צווישען די קאָנטראַקטאָרס. די ארבייט קריגט דער יעניגער, וואס באָט אָן צו מאכען פאר דעם ביליגסטען פרייז און אזוי ווי דער קאָנטראַקטאָר מאכט זיין פרנסה פון דעם אונטערשיד וויפיל ער צאָלט זיינע ארבייטער וויינינער, ווי ער קריגט פון דעם דזשאבער, לאָזט זיך ממילא אויס די האלז־שניידענדע קאָנקורענץ פון די קאָנטראַקטאָרס צו דעם האלז פון די ארבייטער. זיי ווערען איינפאך געטריבען צו ארבייטען פאר א הונגער לוין.

און די ארבייטער קענען אין דעם פאל זיך ניט העלפען. די הויפט תקיפות

GERECHTIGKEIT

A Labor Journal
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 W. 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

BENJAMIN SCHLESINGER, President
DAVID DUBINSKY, Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance,
$1.00 per year.

Vol. XIV. No. 4 April-May, 1932

Entered as Second Class matter, Aug. 7, 1920 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 24, 1912. Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

צוויי יאהר, טאָ ווארום זאָל ניט זיין דעמאָ-
קראטיש גענוג צו האָבען לאָקאלע וואהלען
איין מאָל אין צוויי יאהר? און אויב עס
איז דעמאָקראטישער צו האָבען וואהלען
אָפטער, טאָ ווארום ניט האָבען וואהלען
צוויי מאָל א יאָהר, אדער גאר אלע חודש?
נאָר דער אמת איז, אז אפטע וואהלען האָט
נאָר נישט צו טאָן מיט דעמאָקראטיע. קיי-
נעם וועט ניט איינפאלען צו באהויפטען, אז
אין אמעריקע איז פאראן מעהר דעמאָקרא-
טיע ווי אין דייטשלאנד דערפאר, וואס דאָ
קומען פאָר וואהלען פאר'ן קאָנגרעס אלע
צוויי יאהר, בעת אין דייטשלאנד ווערט א
נייער רייכסטאג געוועהלט בלויז איין מאָל
אין 4 יאהר. דער אמת איז, אז די סיס-
טעם פון וואהלען פאר'ן דייטשען רייכס-
טאג זיינען א סך דעמאָקראטישער ווי די
וואהלען צום אמעריקאנער קאָנגרעס. די
סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואהלען, וואס
איז איינגעפיהרט געווארען אין דייטשלאנד,
איז דער בעסטער אויסדרוק פון דעמאָקרא-
טיע. יעדע פארטיי קריגט אזוי פיל פאר-
טרעטער לויט דער פּראָפּאָרציע פון די שטי-
מען, וואס זיינען פאר איהר אפּגעגעבען גע-
ווארען אין די וואהלען.

און אויב מען שטעלט ניט אריין אָפטע
וואהלען אין דעם צעטעל פון דעמאָקרא-
טיע, זעה איך ניט איין וואס עס קען זיין
פון עפּעס אנדערש צופיל דעמאָקראטיע פאר
א יוניאן. מען דארף בלויז באשטימען וואס
עס איז דעמאָקראטיע און וואס ניט, ווייל
מיסטענס פארגעסען אפילו אונזערע גרעס-
טע שרייער פאר דעמאָקראטיע וואס אמת'ע
דעמאָקראטיע מיינט.

דעמאָקראטיע מיינט די הערשאפט פון
פאלק, אָבער דאָס פאָלק איז גאנץ זעלטען
אייניג. עס עקזיסטירען אין פאָלק מיינונגס-
פארשידענהייטען, דעריבער איז דעמאָקראטי
די הערשאפט פון דער מאַיאָריטעט פון
פאָלק. אָבער דאָס איז נאָך ניט אלץ. דע-
מאָקראטיע מיינט אויך, אז די רעכטען און
די אינטערעסען פון דער מינאָריטעט זאלען
געשעצט ווערען. די מינאָריטעט קען ניט
הערשען אין א דעמאָקראטיע, אָבער זי
דארף אויך ניט אונטערדריקט ווערען. די
מינאָריטעט דארף אלע מאָל האָבען א מעג-
ליכקייט געהערט צו ווערען און א שוץ,
אז זי וועט ניט געקריוודעט ווערען.

דאָס איז דאכט זיך גאנץ קלאָר, אבער
אין דער ווירקליכקייט איז עס ביי אונז
גאנץ אנדערש. אָט גראד די, וואס האָבען
וועלטען איינגעליינט פאר דעמאָקראטיע, ווען
זיי אליין זיינען געווען אין דער מינאָריטעט,
לאָזען שפּעטער, ווען זיי האָבען געקראגען די
מאכט, די מינאָריטעט דעם קאָפּ ניט אויפ-
הייבען.

נאָר איך האָב דאכט זיך איצט נאָר ניט
געוואלט ריידען וועגן דעמאָקראטיע. קיין
קאָנווענשאָן פראגע איז עס געווים ניט. אויף
דער קאָנווענשאָן וועט מען נאָר דאָס מאָל
מעהר ריידען וועגן קלובס און גרופּען אין
די יוניאנס. וועגן קלובס און גרופּען אין
די יוניאנס איז פאראן א ספּעציעלער קאַ-
פּיטעל אין דעם באריכט פון דער דזשענע-
ראל עקזעקוטיוו צו דער קאָנווענשאָן.

* * *

איך וויל ניט ריזיקירען און זאגען נביאות
וואס די קאָנווענשאָן וועט באשליסען וועגען די קלובס און גרופּען, אָבער איך
וויל זאָגען, אז די קאָנווענשאָן קאָמיטע
פון דער אינטערנעשאָנעל האָט געטאָן א גר-
טע זאך, וואס זי האָט ארראנזשירט א פּריוע
דעבאַטע וועגען די קלובען און די גרופּען
אין דער יוניאן. עס האָט גערעדט בלויז
דאָס פאָלק און די דעבאַטע איז געווען ניט
בלויז אן אינטערעסאנטע, נאָר אויך א בא-
לערענדע. וויניגסטענס האָב איך פון איהר
געלערענט, אז עס וועט זיין גאנץ שווער
אפּצושאפען די קלובען און די גרופּען,
ווען מ'זאָל עס אפילו וועלען.

מיר איז שווער צו זאגען וועלכער צד
עס איז געווען שטארקער אין דער דעבאַ-
טע — די געגנער פון די קלובען אדער
זייערע פארטיידיגער. איך וויל זיין פאר-
זיכטיג אין דער אפּשאצונג, ווייל איך בין
אין דער פראגע ניט אין גאנצען אומפּארטיי-
איש. איך בין מעהר געניגט צו גלויבען,
אז די קלובען און די גרופּען זיינען שעדליך
פאר דער יוניאן און עס איז דעריבער נאַ-
טירליך, אז די ארגומענטען געגען די גרו-
פּען און די קלובען זאלען צו מיר שטאר-
קער אפּעלירען, ווי די, וואס זיינען פאר
זיי. אָבער איך דארף זאגען, אז די אנהענ-
גער פון די קלובען האָבען זייער שטאנד-
פּונקט פארטיידיגט מיט ניט וויניגער איי-
טעליגענץ, ווי די געגנער פון די קלובען.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך שוין
אויך באמערקען, אז די באשולדיגונג, וואס
איינער פון די רעדנער האָט געוואָרפען
געגען דער „גערעכטיגקייט", אז זי טרעט
ארוים ניט געגען אלע גרופּען, נאָר גע-
גען געוויסע גרופּען, איז ניט ריכטיג. איך
פארשטעה, אז ער האָט געמיינט צו זאגען,
אז די „גערעכטיגקייט" איז בלויז געגען
די גרופּען, וואס קאָנטראָלירען איצט די אד-
מיניסטראציעס פון די לאָקאלס 1, 9 און
22, אָבער ניט געגען די גרופּען וואס בא-
קעמפען זיי. דאָס איז, ווי געזאָגט, ניט
ריכטיג. די „גערעכטיגקייט" האָט גענומען
די שטעלונג געגען די גרופּען און קלובס
אָהן שום אונטערשיד. א באווייז איז, אז
ווען אין לאָקאל 1 האָט פריהער
געהאט די קאָנטראָל אן אנדער גרופּע, האָט
זי געהאט טענות צו דער „גערעכטיגקייט"
ווארום זי איז געגען איהר. און דער קלוב
אין לאָקאל 9 וועט אונז זיכער ניט מא-
כען קיין קאָמפּלימענטען פאר דער מיינונג
וואס מיר האָבען וועגען דעם, ווי ער האָט
געהאנדעלט אין די וואהלען פאר דעלעגאטען
צו דער קאָנווענשאָן מאכענדיג מעגליך, אז
פינף קאָמוניסטען זאלען געוועהלט ווערען.
איך גלויב, אז די לעצטע האנדלונג פון דעם
קלוב אין לאָקאל 9 איז דער שטארקסטער
ארגומענט געגען דער עקזיסטענץ פון קלו-
בען און גרופּען אין דער יוניאן.

אָבער צו דער דעבאטע גופא האָט דאָס
ניט. די דעבאטע איז געווען אן אינטע-
רעסאנטע און גאנץ איבערצייגענדע ארגו-
מענטען זיינען אָנגעגעבען געווארען פון ביי-
דע זייטען. איך האָב אנפאנגס אפילו גע-
האט בדעה איבערצוגעבען דאָ די ארגומענ-
טען, וואס זיינען ארויסגעבראכט געווארען
אין דער דעבאטע פון די געגנער און פון די
פארטיידיגער, אָבער איך גלויב, אז אומ-
געפער דיזעלבינע ארגומענטען וועלען ארויס-
געבראכט ווערן אין דער דעבאטע, וואס וועט
פארקומען אויף דער קאָנווענשאָן וועגען
דער פראגע און איך וועל דעמאָלט אפשר
זיך קענען אויספירליכער אָפּשטעלען אויף
דעם.

* * *

איך האָב נאָך די אדמיניסטראציע וואה-
לען אין די לאָקאלס 1 און 9 געמאכט די
באמערקונג, אז די זינגער זאלען האָבען אין
זינען, אז זיי האָבען בלויז געקראגען א
פּלוראליטעט, אָבער ניט קיין מאַיאָריטעט
און אז פאקטיש וועלען זיי האָבען בלויז א
מינאָריטעטס רעגירונג, וואס קען אמאָל
האָבען גאנץ אונאנגענעמע איבערראשונ-
גען, ווייל עס קען טרעפען, אז זי זאָל קריי-
גען א מאַיאָריטעט שטימען געגען זיך.

די זינגער האָבען מיין דאמאלדיגע באַ-
מערקונג באטראכט פאר אן אונפריינדליכע
געגען זיי. עס איז ביי זיי ארויסגעקומען,
אז איך פארגין זיי ניט זייער זיג. אבער
פּונקט דאס זעלבינע האָב איך געזאָגט צו
די זינגער פון לאָקאל 1 מיט איבער צוויי
יאהר צוריק, וועלכע באלאנגען צו אן אנ-
דער ריכטונג. און אויך זיי האָבען דע-
מאָלט פאריבעל גענומען. אָבער פאריבעל
האָבען איז א מענשליכע פּריווילעגיע, וואס
ענדערט ניט קיין פאקטען. איך גלויב, אז
די אדמיניסטראציע פון לאָקאל 9 פאר-
שטעהט איצט זעהר גוט, אז מיין באמער-
קונג איז געווען א ריכטיגע און איך גלויב,
אז אויך די אדמיניסטראציע פון לאָקאל 1
דארף עס פארשטעהן. ווארום וואלט דער
קלוב אין לאָקאל 1 געוואָלט נאָכטאָן דעם
שלעכטען ביישפּיל פון דעם קלוב פון לאָ-
קאל 9 וואלטען די רעזולטאטען פון די
וואהלען פאר דעלעגאטען צו דער קאָנ-
ווענשאָן געווען ניט בעסער ווי אין לאָ-
קאל 9, און עס איז ביי מיר קיין צוויי-
פעל ניט, אז די אדמיניסטראציע פון לאָ-
קאל 22 האָט עפּעס געלערענט פון די לעצ-
טע וואהלען אין לאָקאל.

און זאָלען די קלובען און גרופּען גע-
דענקען איין זאך: די קאָמוניסטען זיי-
נען פאראייניגט און זיי נוצען אויס אויף
דעם בעסטען אופן דעם קאַמף פון די קלו-
בען און די גרופּען אין דער יוניאן.

* * *

אין דעם מערץ נומער „לייבאָר מאַנטה-
לי", מאָנאטליכער זשורנאל פון די קאָמו-
ניסטען אין ענגלאנד, האָב איך אין אן אר-
טיקעל פון דעם ענגלישען קאָמוניסטישען
פיהרער ה. פּאָלים, וועגען דעם קאַמף אין
די ענגלישע טרייד יוניאנס געפונען עפּעס

פאַרבײַגעהענדיג

פון צביון.

ווען אלע ארבייטער, וואס וועלען דעם ערשטען מאי ניט ארבייטען, וואלטען ארויסגעמארשירט אין די גאסען אין א פאראייניגטער דעמאנסטראציע, וואלטען די באלעבאטים אונזערע א שוידער געטאן. עס וואלט ניט בלויז געווען א דעמאנסטראַציע פון עלענד, נויט און הונגער, נאָר אויך א דעמאנסטראציע פון א פאראייניגטען דראָהענדען כח.

איך וויל זיך ניט דינגען אויב די ארמיי פון ארבייטסלאָזע אין אמעריקע צעהלט היינט 8 מיליאָן אדער 10 מיליאָן. זאלען 8 מיליאָן ארבייטער אין פאראייניגטע געשלאָסענע רייהען ארויסקומען אין גאס און פאדערען זייער רעכט אויף ארבייט און אויף ברויט און עס וועלען זיך א טריסעל טאָן די גרונדפעסטען פון אונזער געזעלשאפט. אבער דאס איז שוין אביסעל צו פיל פאנטאזירט. עס דארף פארקומען א גרויסע איבערקערעניש אין די הערצער און אין די מוחות פון די אמעריקאנער ארבייטער, אז זיי זאלען אין מיליאָנען ארויסקומען אין גאס פאדערען זייער רעכט. און אזעלכע איבערקערענישען קומען פלוצים ניט פאר.

עס וועלען א סך מיליאָנען דעם ערשטען מאי ניט ארבייטען אין אמעריקע. די היגע סטאטיסטען קענען שוין אין פאראויס דעפעשירען אין מאסקווע, אז אויף זייער רוף האָבען 9 מיליאָן אדער גאנצע 10 מיליאָן ארבייטער אין אמעריקע ניט געארבייט דעם ערשטען מאי. און אז זיי וועלען דעפעשירען 12 מיליאָן אדער נאָך מעהר וועט איך קיינער ניט קענען אפלייקענען. האָט דאָך אין דער ווירקליכקייט קיינער ניט אויסגעצעהלט בענוי וויפיל ארבייטסלאָזע עס זיינען איצט פאראן אין אמעריקע.

נאָר ווי גרויס עס זאָל ניט זיין מיין ליבשאפט צו דעם ערשטען „מאי, וואלט איך דאָך ניט וועלען זעהן אין איהם אזא מין ניט ארבייטען, ווי מיר וועלען עס האָבען אין אמעריקע הייאהריגען ערשטען מאי. אידער אזא „ערפאלגרייכער" ערשטער מאי פון ניט ארבייטען, שוין בעסער א פארשוועכטער ערשטער מאי פון ארבייטען.

ניט ארבייטען איז א יום־טוב, ווען מ'האָט ארבייט און מ'לייגט די ארבייט אוועק, עס איז אבער נאָר קיין יום טוב ניט, ווען מען ארבייט ניט, ווייל עס איז נישטא וואס צו ארבייטען.

אבער דער ערשטער מאי איז דאָך דער אינטערנאציאנאלער יום טוב פון ארבייטער קלאס. און אז די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט באלאנגען צו איין קלאס און האָבען דיזעלבינע אינטערעסען קענען זיי טאקע קלאָר זעהן פון דער איצטיגער ארבייטסלאָזיגקייט. ניט בלויז אין אמעריקע איז איצט פאראן א גרויסע מאסע פון ארבייטסלאָזע, נאָר אין יעדען לאנד. די ארבייטסלאָזיגקייט איז אינטערנאציאנאל און זי קומט אומעטום פון דיזעלבינע אורזאכען און קען אומעטום געהיילט ווערען מיט די זעלבינע מיטלען. דער ערשטער נאָעהנסטער מיטעל איז די פארקירצונג פון ארבייטס טאָג, און דעריבער ווערט אין דער גאנצער וועלט דעם ערשטען מאי ארויסגעשטעלט פון די ארבייטער די פאָדערונג, אז דער ארבייטס טאג זאָל פארקירצט ווערען. דאָס אליין באווייזט שוין דעם אינטערנאציאנאלען כאראקטער פון דעם ארבייטער קלאס. אבער דער ערשטער מאי איז ניט בלויז אן אינטערנאציאנאלער ארבייטער יום טוב, נאָר א ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר אינטערנאציאנאלער ארבייטער יום טוב. און דער סאָציאליזם האָט א באזונדערס־ווירקזאמען מיטעל געגען ארבייטסלאָזיגקייט. דער סאציאליזם פארלאנגט אז די מאשינען און די מיטלען פון פראָדוקציע אין אלגעמיין זאלען באלאנגען צו די ארבייטער. און ווען די מאשינען וועלען באלאנגען צו די ארבייטער, וועלען זיי זיין די באלעבאטים איבער די מאשינען און ניט די מאשינען איבער זיי. די מאַשין וועט דאן לייכטער מאכען דאָס לעבען פון די ארבייטער. זי וועט מעהר ניט זיין קיין אינסטרומענט צו שאפען רייכטימער פאר אייניצעלנע און ברענגען הונגער פאר די מאסען.

און דער סאָציאליזם וועט קומען געהנטער צו זיין פארווירקליכונג וואס מעהר ארבייטער עס וועלען דורכגעדרונגען ווערען מיט דעם געפיהל פון ארבייטער אייניגקייט און מיט דעם אינטערנאציאנאלען סאָציאליסטישען אידעאל. און אָט דער יום טוב פון ערשטען מאי האָט עס דעם צוועק צו דעמאנסטרירען די אינטערנאציאנאלע אייניגקייט פון ארבייטער קלאס און דעם וואונש פון די ארבייטער איבערצובויען די מענשליכע געזעלשאפט אויף גאנץ אנדערע יסודות. א געזעלשאפט, אין וועלכער עס זאָל ניט עקזיסטירען קיין עקספלואטאציע, קיין הערשאפט פון איינעם איבער'ן צווייטען, נאָר אלע זאָלען זיין עקאָנאָמיש און סאָציאל גלייך.

אָט דאָס איז דער אינהאלט פון דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום טוב, דער ערשטער מאי. קען נאָך זיין א שעהנערער יום טוב? דארפען דען ניט ארבייטער פייערען מיט באגייסטערונג אזא יום־טוב?

* * *

איך בין זיכער, אז אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל וועט הערשען א פולשטענדיגער ברידערליכער גייסט. דער גייסט פון ערשטען מאי פון איין זייט, און די שטאָדט פון ברודערליבע פון דער אנדערער זייט, וועלען זיכער פארשטארקען די ברידערליכע געפיהלען פון די דעלעגאטען און מיר וועלען האָבען א קאָנווענשאָן פון אמת'ער ברידערליכער הארמאָניע און ברידערליכער אייניגקייט.

ווייניגסטענס וועט מען זיך אויף דער קאָנווענשאָן אין פילאדעלפיע ניט דארפען קריגען וועגען דעמאָקראטיע. די קאָנווענשאָן אין קליוולאנד האָט באזארגט די אינטערנעשאָנעל מיט גענוג דעמאָקראטיע, הלואי זאלען נאָר די מיטגלידער אזוי פיל וועלען אויסנוצען די דעמאָקראטיע, וואס די קליוולענדער קאָנווענשאָן האָט זיי געגעבען.

איך בין זיך מודה, אז איך בין א רעכט ביסעל אנטוישט געווארען אין דער דעמאָקראטיע נאָך דער קליוולענדער קאָנווענשאָן. אמת, ניט אין דער דעמאָקראַטיע גופא, נאָר ווי זי האָט געארבייט. אבער קיינער קען דאָך ניט זאגען, אז זי האָט עפעס ערגער געמאכט. מען קען בלויז זאגען, אז זי האָט ווייניג בעסער געמאכט. און איז דאָך די דעמאָקראטיע ניט שולדיג, וואס מען נארט איהר גאנץ אָפט אָפּ און מען באשווינדעלט איהר.

עס זיינען פאראן מיינונגען, אז צופיל דעמאָקראטיע טויג ניט פאר א יוניאָן, ווייל א יוניאָן איז א קעמפענדע אָרגאניזאציע, זי שטעהט אלע מאָל אין שלאכטפעלד און פירט א קאמף און ווען מען איז אין מלחמה קען מען זיך צופיל מיט דעמאָקראַטיע ניט אפגעבען. די דעמאָקראטיע קען מעהר שאדען ברענגען, ווי נוצען.

מען מוז צוגעבען, אז אין דעם איז פאראן א געזונטער געדאנק, אבער מען דארף באשטימען וואס דאס מיינט „צופיל דעמאָקראטיע". מען דארף באשטימען ווי גרויס עס דארף זיין די פארציע דעמאָקראַטיע, וואס דער מאָגען פון א יוניאָן קען פארדייען און וואס פאר א פארציע עס איז צו גרויס און קען איהר פארשאדען.

איך, למשל, גלויב, אז אונזערע יוניאָנס האָבען צו אָפטע וואהלען. ניט נאָר שטערען די צו אָפטע וואהלען די קאמפּס־טעטיגקייט פון דער יוניאָן, נאָר זיי קאסטען צופיל געלד און זיינען א שווערע פינאַנציעלע לאסט. אבער זיינען דען אָפט וואהלען מעהר דעמאָקראטיש? איינער קען זיין א העכסט־פרינציפיעלער דעמאָקראטישער מענש און דאָך גלויבען, אז אלע יאהר וואלען אין די יוניאָנס טויג ניט און אז עס וועט דער דעמאָקראטיע גאָר נישט שאדען, ווען מען וועט, למשל, מאכען וואהלען איין מאָל אין צוויי יאהר. אויב עס איז דעמאָקראטיש, אז קאָנווענשאָנס פון דער אינטערנעשאָנעל און וואהלען פאר גענעראל בעאמטע זאלען זיין בלויז איין מאָל אין

ווייזט עס דאך ערשט רעכט, ווי טיף זיי זיינען מאראליש געזונקען...

און דאך דאכט זיך מיר, אז די זאך איז נאר ניט אזוי שרעקליך, און אז דאס קאן נאר אנדערש אויסגעטייטשט ווערען.

לאמיר עס נאר גוט באטראכטען. אמאל זיינען ארבייטער סטרייקס געווען א גאנץ אפטערע ערשיינונג אין אונזער לעבען, ווי דאס איז איצט. א חוץ דעם האבען די קעמפע זיך אויסגעצייכענט מיט זייער רעוואלוציאנערישקייט, אויב איך מעג זיך אזוי אויסדריקען.

אין די לעצטע צוויי צעהנדליג יאהרען איז דער סטרייק, דער קאמף, ווי מען האט עס פארשטאנען אין די אכציגער און ניינציגער יאהרען פון דעם נייגצעהנטען יאהרהונדערט, געווארען אלץ א מעהר און מעהר זעלטענע ערשיינונג. איז דאס צו ערקלערען אפשר דערמיט, וואס די ארבייטער זיינען דעגענעריט געווארען, געווארען אלץ שוואכער און אפגעלאזענער, אזוי דאס זיי האבען פארלארען זייער גאנצען קאמף לוסט, און האבען זיך מיאש געווען עטוואס אויסצוקעמפען פון זייערע באסעס?

ניין, דאס איז גראד ניט געווען דער פאל. דער פאקט איז, דאס די מעהרסטע געווינסען סיי אין דער פארגרעסערונג פון זייערע ווייזשעס און סיי אין דער פארקלענערונג פון זייערע ארבייטס שטונדען, זיינען צוזאמענגעפאלען מיט די יאהרען אין אונזער יאהרהונדערט, ווען סטרייקס זיינען געווארען אלץ זעלטענער.

און דאס איז ניט געווען דערפאר, ווייל די קאפיטאלען פון אונזער אינדוסטריע זיינען געווארען מיט אמאל אזעלכע וואוילטעטיגע, גוטהערציגע ליבעראלען און האבען געלאזט אויך דעם ארבייטער געניסען פון דעם גרויסען רייכטום, נאר פון דעם, וואס די ארבייטער האבען דורך דער צייט פון זייערע גרויסע קעמפע געלערענט, אז נאך אלעמען האבען זיי דורך די סטרייקס נאר ווייניג וואס געוואונען, און זיי האבען דארום אנגענומען אנדערע מעטאדען פון קאמף, אום צו געווינען זייערע פאדערונגען. דאס מיינט ניט, אז זיי האבען אין גאנצען אויפגעגעבען דעם סטרייק אלס א מיטעל צו געווינען זייערע פאדערונגען. ניין, דאס דוקא ניט. אבער בעת אין די פריהערינע צייטען איז דער סטרייק באטראכט געווארען אלס דער איינציגער מיטעל, איז ער דורך ערפאהרונג, וואס האט געקאסט אזוי פיל בלוט, באטראכט געווארען אלס דער סאמע לעצטער מיטעל, און עס איז אלגעמיין אנגענומען געווארען דאס, וואס די קאמוניסטען רופען מיט דעם שרעקליכען נאמען קאלאבאריישאן. נאטירליך, ניט אין דעם זין, ווי די קאמוניסטען פארשטעהען עס, אז די פיהרער פון די ארבייטער געהען האנט אין האנט מיט די באסעס, נאר אין דעם זין, דאס איידער די ארבייטער באשליסען צו סטרייקען, פרובירען זיי דורכצורעדען זיך מיט די באסעס, אפשר וועלען זיי אויף א פרידליכען אופן קענען אויספיהרען דאס, וואס זיי וואלטען קענען געווינען, אפשר, נאך א לאנגען, שווערען, בלוטיגען קאמף.

און אז דער אופן קאמף האט געבראכט גוטע רעזולטאטען דאס דארף איך דא ניט דערציילען: די באדייטענדסטע ערגאבערונגען אין ווייזשעס, אין שטונדען און אין דער באהאנדלונג פון די ארבייטער מצד די באסעס זיינען געמאכט געווארען גראד אויף דעם אופן.

די יוניאן איז ניט מעהר געווען בלויז אן ארגאניזאציע אום צו פיהרען א סטרייק, נאר זי איז נאר געווארען אן ארגאניזאציע צו פארהיטען ווי ווייט מעגליך פון א קאמף. דער יוניאן־פיהרער האט ניט געפיהלט זיך שטאלץ דערמיט, וואס ער האט ארויסגערופען די ארבייטער צום קאמף, נאר דוקא דערמיט, וואס ער האט גענומען אלעס, אום צו דערגרייכען דאס מעגליכסטע פאר די ארבייטער אהן א קאמף.

און וואס מעהר דער פיהרער האט זיך געפיהלט פאראנטווארטליך צו זיין יוניאן און צום וואויל און בעסטען פון זיין מעמבערשיפ, דאס אלץ מעהר און מעהר האט ער געארבייט פאר דער אויסמיידונג פון סטרייקס.

אין דער דאזיגער שולע פון קאמף איז דער ארבייטער ערצויגען געווארען דא און אין דער איבעריגער וועלט פאר די לעצטע צוואנציג יאהר. זיי האבען געלערענט, אז וועלען דורכברעכען די וואנט מיט'ן קאפ, איז א נארישקייט; אז עס זיינען דא אומשטענדען, אונטער וועלכע מען מוז זיך פאר א צייט אונטערווארפען, און דאס ווען די אומשטענדען ענדערען זיך און ווערען מעהר גינציג פאר די ארבייטער, דאן זיינען דא פיל לייכטערע און פיל ווירקזאמערע מיטלען, ווי דער ברוטאלער קאמף, וועלכער ברייננט ווייט ניט די אלע רעזולטאטען, וואס מען ערווארט פון איהם.

מען קאן דארום זאגען, ווען מען באטראכט די איצטיגע לאגע, און ווי די ארבייטער פארהאלטען זיך, אז דאס איז ניט דערפאר, חלילה, ווייל זיי זיינען געווארען פשוטע פייגלינגע, און שרעקען זיך אפ פון יעדען קאמף, נאר דערפאר, ווייל זיי זיינען געווארען קליגער, מיושב'דיגער, און געהען ניט אין פייער, ווען דער איינציגער רעזולטאט קען זיין, דאס זיי זאלען פארברענט ווערען אויף אש.

דאס זעלבע קאן געזאגט ווערען וועגען די פיהרער (מיר רעדען דא ניט פון איינינע אויסנאמען), וועלכע ראטען די ארבייטער איינצוגעהן אין דער איצטיגער שלעכטער צייט אויף געוויסע קאמפראמיסען, ווייל זיי ווייסען, אז קיין קאמף, קיין ווידערשטאנד, וועט דא נאר ניט העלפען, און זייער געפיהל פון פאראנטווארטליכקייט איז צו שטארק, דאס זיי זאלען זיין פארטיג צו פיהרען די ארבייטער צו אן אמת'ער שחיטה, און סוף כל סוף גאר ניט געווינען דערפון.

אמת, עס איז א שרעקליכע זאך צו זיצען אין שאפ מיט פארשטעמטע ציין, און וויסען, ווי איהר ווערט בארויבט פון אלץ, וואס איהר האט געוואונען, און דאס ניט קענען אפילו ארויסזאגען, אבער עס איז, אפשר, נאך ערגער צו פראבירען א קאמף, און דורכפאלען, און קומען צוריק אין שאפ שרעקליך דערשלאגענע.

דאס אלעס ווייס און מוז וויסען דער פיהרער, וועלכער פיהלט די גרויסע פאראנטווארטליכקייט פון זיין אמט, און ער וועט זיך דערפאר היטען ארויסרופען זיין יוניאן אין א קאמף, וועלכער ער ווייס אין זיין הארצען קאן ניט ברייננגען אונטער די אומשטענדען די מינדעסטע פארבעסערונג.

אזא פיהרער ווייס גאנץ גוט, דאס עס וועלען זיך געפינען פון איין זייט נארען און פון דער אנדערער זייט דעמאגאגען, וועלכע וועלען איהם באשולדיגען אין שטעהן אויף דער זייט פון די באסעס, און אלס שונא פון זיין יוניאן, און מאנכער פיהרער פון א יוניאן מיט אן עטוואס שוואכערען כאראקטער וועט פאר א ווײַלע פארטויבען זיין געוויסען, זיין בעסערע איבערצייגונג, און וועט ,אום ארויסצונעמען דעם גיפט פון די דעמאגאגען, ארויסרופען א סטרייק, אבער יעדער איינער קאן פארשטעהן, דאס אזא מין סטרייק איז מעהר שעדליך ווי ניצליך.

דאס זעלבע איז אויך ביז צו א געוויסען גראד ריכטיג וועגען די מיליאנען ארבייטסלאזע. איהר קענט זאגען, אז מען פארשטאפט זיי די מיילער מיט א שטיקעל ברויט און מיט א טעלער זופ, און זיי שווייגען די שקלאפישע נשמות. אבער איהר קענט עס אנדערש א ביסעלע אויסטייטשען. אפשר פיהלען די מיליאנען, גרויס אין צאהל ווי זיי זיינען, אז עס איז נאך צו פריה פאר זיי ארויסצוגעהן אין קאמף. אפשר פיהלען זיי, אז איידער זיי געהען עטוואס טאן, דארפען זיי זיך צוזאמענריידען, און גוט פארשטעהן געגען וואס קעמפען, און פאר וואס זיי קעמפען.

אפשר איז עס א גליק, וואס עס איז נאך ניט געקומען ביי די מיליאנען ארבייטסלאזע צו דער שטופע פון פארצווייפלונג, ווען דער מענש פארלירט אין גאנצען זיין פארשטאנד און טוט אזעלכעס, וואס קאן איהם נאר רויאינירען, פארניכטען, און איהם אויף דאס מינדעסטע ניט העלפען צו פארלייכטערען זיין לאגע.

אפשר געהען מיר דורך א פעריאדע, אין וועלכער אלע ליידענדע טרייען פריהער פאר אלץ קלאר צו מאכען פאר זיך אליין, וואס איז דא איינענטליך געשעהן, ווער איז עס זייער אמת'ער שונא, געגען וועמען זיי מוזען עס ארויסטרעטען אין קאמף?

און ווי, מיינט איהר, איז גלייכער, פריהער זיך צו בארעכענען און דאן האנדלען מיט דער גאנצער נויטיגער אנטשלאסענהייט, אדער פריהער האנדלען, שלאגען אין דער פינסטער, און דאן ערשט, ווען עס איז שוין אפשר צו שפעט, אנהויבען צו טראכטען?

אט די אלע געדאנקען שטויסען זיך אין איינעמס קאפ, און, גלויבט מיר, איך בין גאר ניט אזוי אנטציקט פון א דעמאנסטראציע פון א פאר טויזענט הונגעריגע, וועלכע ווערען אויפגעהעצט פון פארשיידענע דע־

אזוינס, וואס איז מיר ניט אין גאנצען אין דער ארדנונג.

אײנטײלענדיג די ענגלישע טרייד יוניאנס די ריכטיגע פארציע פאר זייער רעפארמיזם און פאר זייער ניט אויסגעהאלטענעם קלאסען קאמף, פרעגט הערי פאליט: וואס זאלען די קאמוניסטען טאן? זאלען זיי אוועק פון די רעפארמיסטישע טרייד יוניאנס? זאלען זיי פרובירען ארגאנירען נייע רעוואלוציאנערע יוניאנס? און ער ענטפערט: ניין! דאס איז ניט, זאגט ער, דער וועג צו אנטוויקלען די ווידערשטאנדס-קראפט פון די ארבייטער. די קאמוניסטען מוזען בלייבען אין די עקזיסטירענדע טרייד יוניאנס און אינעווייניג אנפיהרען זייער קאמף געגען דעם רעפארמיזם און געגען די רעפארמיסטישע פיהרער.

אט דער פעסטער „ניין!" וואס פארבאט די קאמוניסטען אוועקצוגעהן פון די עקזיסטירענדע טרייד יוניאנס און ארגאניזירען קאמוניסטישע אפאזיציאנס יוניאנס, ווערט פון דעם ענגלישען קאמוניסטישען פיהרער ארויסגעזאגט אין זיין ארטיקעל אין אזא טאן, ווי די קאמוניסטען וואלטען נאר קיין מאל ניט פראקטיצירט די טאקטיק פון ארגאניזירען אפאזיציאנס יוניאנס. פאר איינעם, וואס איז ניט באקאנט מיט דער יוניאן-ברעכערישער טעטיגקייט פון די קאמוניסטען, קען דער „ניין!" פון ה. פאליט מאכען דעם איינדרוק, אז אזא געדאנק ווי ארגאניזירען אפאזיציאנס יוניאנס טארען קאמוניסטען אפילו ניט נאהענט צולאזען צו זיך. אבער ווי איז דער אמת? איז דאך די קאמוניסטישע טאקטיק אין די לעצטע עטליכע יאהר געווען צו פארלאזען די אלטע עקזיסטירענדע יוניאנס און צו ארגאניזירען נייע. ברעכען די עקזיסטירענדע יוניאנס איז דאך געווען איינע פון די וויכטיגסטע קאמוניסטישע מצוות. און אויב הערי פאליט זאגט איצט צו די ענגלישע קאמוניסטען, אז מען טאר עס ניט טאן, קען מען זיך לייכט פארשטעלען, אז דער פארבאט קומט ניט פון איהם, נאר פון אימיצען העכער. עס איז קלאר, אז מען האט פון מאסקווע געהייסען בייטען דעם קורס. עס הייסט, אז מען הייסט זיך אומקערען צוריק צו דער אלטער טאקטיק פון בויערען פון אינעווייניג, אנשטאט זיי צו ברעכען פון אויסווייניג.

די קאמוניסטישע טאקטיק פון ברעכען יוניאנס דורך שאפען אפאזיציאנס יוניאנס איז קלעגליך דורכגעפאלען אויף דער גאנצער ליניע און מען זאגט דעריבער השיבנו נאזאך. צוריק צו דער אלטער ארביים פון אויפרייסען די יוניאנס פון אינווייניג. זאלען די גרופען און די קלובען, וואס זיינען אזוי פארטיפט אין זייער געגענזייטיגען קאמף, עס געדענקען.

אלערליי געדאנקען

פון ש. יאנאווסקי.

ווידערשטאנד געגען דיין אונטערדריקער, געגען דיין עקספלואטאטאר, איז, דאכט זיך, א געבאט, וואס די נאטור אליין באפעלט דיר. ווארים, וואו עס איז דא דרוק, דארט מוז אויך זיין א געגענדרוק. און דאס איז דאך איינענטליך די אורזאך פון אלע קאמפען, פון אלע סטרייקס פון דער זייט פון די אונטערדריקטע, באליידיגטע, פארפאלגטע און בארויבטע, געגען זייערע אונטערדריקער, באליידיגער, פארפאלגער און רויבער. און פון דעם איז, נאטירליך, אויך געקומען דער געדאנק, דאס עס איז פיל בעסער צו קעמפען און פארלירען, ווען עס קאן שוין אנדערש ניט זיין, איידער זיך אונטערווארפען גאר אין גאנצען אהן א קאמף. ווארים, אויב דו קעמפסט און פארלירסט, דאן ווייס וויינגסטענס דיין אונטערדריקער, ווי דו פיהלסט געגען איהם, און אפילו נאך דיין דורכפאל וועט ער זיך ניט ערלויבען צו געהן צו ווייט אין זיין שעדליכער רויבעריי. ווינגסטענס וועט ער זעהן אין דיר א געגנער, אמת א שוואכערען, אבער דאך א געגנער. ניסטו זיך אבער אונטער אהן דעם מינדסטען פראטעסט, אהן דעם מינדסטען ווידערשטאנד, דאן באטראכט ער דיך ניט מעהר אלס זיין געגנער, נאר אלס א ווארים. און א ווארים ווערט איינפאך צוטראטען מיט די פיס אהן דער מינדסטער מורא צו ווערען באשטראפט דערפאר...

און צוליב דעם האבען גאר פילע, פילע מענשען געפיהלט זעהר שלעכט, ווען די אירזענבאן ארבייטער און הונדערטע טויזענדע אנדערע ארבייטער האבען אהן דעם מינדסטען ווידערשטאנד געלאזט זיך שניידען די ווידזשעס ביז'ן ביין.

דאס זיינען ניט קיין מענשען, האט איינער ביי זיך געטראכט, נאר שעפסען, וועלכע לאזען זיך שערען, וויפיל עס גלוסט זיך נאר זייער באלעבאס. ניטא ביי די מענשען קיין ברעקעל ווידערשטאנדס קראפט, קיין פיצעל עהרען געפיהל. און דאס זעלבע האבען גאר מאנכע געפיהלט און פיהלען נאך עד היום, ווען זיי זעהען די מיליאנען הונגער-לײדער איבער'ן גאנצען לאנד, שטעהענדיג אין די ברעד-ליינס אין די גרעסטע פרעסט, ווארטענדיג אויף די סקארינקע ברויט, וואס מען ווארפט זיי צו.

געוואלד געשריען, טראכט איהר זיך, זיינען דאס אויך מענשען, מענשען מיט ווירדע? מענשען מיט רויטע בלוט אין זייערע אדערען?

און א געפיהל פון דער העכסטער פארצווייפלונג און פון יאוש כאפט אייך ארום: ווי קאן מען ערווארטען א ביסעל א שעהנער מענשליך לעבען, ווי דאס איז אונזער מיאוס'ער לעבען, אז דער מענש איז אזוי נידעריג, אזוי שוואך, אזוי אהן רוקענביין, דאס עס איז גאר ניטא קיין גרעניץ צו זיין געדולד.

עס קומט אייך דער געדאנק אין קאפ, דאס דער גאנצער לעבענס סטענדערד אין אמעריקא, אויף וואס מיר זיינען עס אזוי שטאלץ, און מיט רעכט, ווייל ער איז דאך דער רעזולטאט פון אזעלכע העלדישע און בלוטיגע קעמפפע פון דער זייט פון די ארבייטער געגען זייערע ארבייטסגעבער, איז פשוט אין געפאהר, דאס באלד, באלד און מיר וועלען ארונטערזינקען צו דעם לעבענס סטענדערד פון די כינעזישע קולים. ווארים, ווי דער אמת איז, לעבט דאך שוין איצט גאר א גרויסער טייל פון דער ארבייטערשאפט ניט פיל בעסער. מעגען אונזערע גאווערנארס פון די פארשיידענע שטאטען טרייען עס צו פארלייקענען, אז אין זייערע שטאטען שטארבט קיינער ניט פון הונגער, אבער די, וועלכע האבען נאר אויגען צו זעהן און אויערען צו הערען, ווייסען, אז דאס איז פארט אמת: אז מענשען געהען ממש אויס פאר א שטיקעל ברויט, איבערהויפט די, וועלכע קענען נאך ניט בעטלען.

זיינען דאך די זעלבסטמארדען, וועלכע ווערען כמעט א טעגליכע ערשיינונג אין אונזער בעסטער פון אלע וועלטען, דער קלארסטער באווייז דערצו, און טאקע נאר אזעלכע קופערנע שטערענס ווי אונזערע גאווערנארס זיינען, קענען ארויסקומען מיט אזא ברוסטטאן פון כלומר'שטער איבערצייגונג און מאכען די חוצפה'דיגע באהויפטונג, אז אין זייערע שטאטען זיינען ניטא קיין מענשען, וואס שטארבען און געהען אויס פון הונגער.

אבער א כפרה די גאווערנארס מיט זייערע חוצפה'דיגע בלאפס; א כפרה אויך די געזעצגעבער אונזערע, וועמען דער מאסען-עלענד און הונגער-נויט ארט ווי דער פאראיאהריגער שניי. אבער וואס איז מיט די מיליאנען און מיליאנען הונגעריגע און נויטליידענדע, ווארום הערט מען גאר ניט פון זיי?

איהר וועט זאגען: אך, ניט דאס פאלק איז שולדיג, עס פעהלען די נויטיגע פיהרער, די טאן-געבער. איהר וועט זאגען, אז די אייזנבאן ארבייטער וואלטען שוין גאר ניט געווען אזעלכע לעמלאך, ווען ניט זייערע פיהרער-פארפיהרער.

איז ערשטענס, איז דאס גאר א קנאפער תירוץ, ווייל אויב די פיהרער זיינען טאקע ניט מעהר ווי פארפיהרער און די גרויסע מאסע ארבייטער זעהען עס ניט און פארשטעהען עס ניט, איז עס דאך דער בעסטער באווייז, ווי שרעקליך נאריש עס איז נאך די גרויסע מאסע. צווייטענס, אויב זי זעהט עס יא, נאר זי האט ניט דעם נויטיגען מוט צו שטעלען זיך געגען זייערע פיהרער, בא-

נאַניזאַציאָנס קאַמפּיינס, האָט באַוויזען אַזוי פיל לעבענס פעהיגקייט, אַזאַ שטאַרקען קאַמפּף לוסט, אַז יעדערער וועלכער איז נאָר אַן אמת'ער פריינט פון דער יוניאָן און זוכט ניט קיין פּאָליטיק, וועט מוזען צוגעבען, אַז די פיהרערשאַפט האָט אין די צוויי און א האַלב יאָהר געדינט געטריי די אינטערעסען פון דער מעמבערשיפּ און האָט גאַנץ ערפאָלגרייך דורכגעפיהרט די טעטיגקייטען אין דער אָרגאַניזאַציע.

איך ווייס ניט ווי מען וועט אויפנעמען מיין וואָרט אין דער פראַגע.

אמת, אַז אַלס א רעזולטאַט פון מיין שוואַכער הארץ בין איך געוועזן געצוואונגען זיך צוריקציהען פון טעטיגקייטען אין דער יוניאָן.

אמת, אַז איך בין געוועזן פון ווייטען א צושויער, בין ניט געווען דירעקט פאַרבונדען אין די קעמפּע וואָס עס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פון דער יוניאָן, דאָך פאַרזיכער איך דער מעמבערשיפּ, אַז איך האָב מיט א ציטער אין'ם הארצען כסדר נאָכגעפאָלגט יעדע טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל.

איך, פילייכט מעהר ווי אַנדערע, טאַקע דערפאַר ווייל איך שטעה אָן א זייט, און בין ניט פאַרכאַפּט אין'ם שלאַכטפעלד, קען בעסער באַאָבאַכטען און אָפּשעצען די טעטיגקייטען פון דער אָרגאַניזאַציע.

איך האָב מיט וועה צוגעקוקט אויף דעם גרויסען פייער וואָס אונזער קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם האָט אויף דער גרויסער מענשהייט געבראַכט.

די אַרבייטסלאָזיגקייט האָט זיך ווי א קענסער אריינגעגעסען אין'ם קערפּער פון דעם גאַנצען לאַנד, ניט נאָר הערט מען דעם קרעכץ פון דעם נויטליידענדען אין דעם גרויסען ניו יאָרק, נור אפילו דאָ וואו די זון שיינט, וואו די נאַטור איז אַזוי רייך און פריי געביג, דאָ וואו אַלעס באַצויבערט סיי אום זומער אָדער ווינטער, סיי אין פריהלינג אָדער הערבסט, יעדער צייט מיט איר פּראַכט און שיינקייט, הערט מען אויך דעם געוויין פון הונגעריגען, זעהט מען די וועהען און פיין פון דעם נאַקעטען און דערשלאָגענעם אַרבייטער.

און אָט אין דיזער שרעקליכער צייט, האָב איך כסדר מיט א ציטער אין הארצען נאָכגעפאָלגט די קאַמפּען וואָס אונזער אינטערנעשאָנאַל האָט דורכגעפירט, און איך מוז דאָ קאָנסטאַנטירען דעם פאַקט, אַז איך בין שטאָלץ און גליקליך מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז סאַי די פירערשאַפט, סאַי די אָרגאַניזאַציע האָט באַוויזען איין אויסערגעוועהנליכען כוח, א לעבענס-זאַפט, א קאַמפּפס-לוסטיגקייט, וועלכעס איז א גאַראַנטיע, אַז אונזער יוניאָן וועט איבערלעבען די שלעכטע צייטען און וועט פונקציאָנירען צום טראָץ די פאַרשיידענע אָנשטריינגונגען פון די שונאים פון אונזער יוניאָן, וועלכע באַנוצען זיך מיט יעדער געלעגענהייט צו פאַרשפּרייטען האַס און שנאה, און זוכען צו צוברעכען די אָרגאַניזאַציע.

צו אייך דעלעגאַטען, וועלכע זיינען באַערט מיט דעם כבוד צו זיין די פאָרטרעטער פון אייערע לאָקאַלס און די מעמבערס צו דער נעקסטער קאָנווענשאָן, וויל איך זאָגען:

ברידער און שוועסטער: עס איז אמת, אַז מיר האָבען נאָך ניט דורכגעפירט יענע פאַרבעסערונגען צו וואָס אונזערע מעמבערס זיינען בארעכטיגט. עס איז אמת, אַז נאָך אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען, ליידען מיר נאָך נויט און אַרבייטער אונטער באַדינגונגען וואָס זיינען מאַנכעס מאָל שווער און אומערטרעגליך. אָבער, צו וואַרפען די שולד אויף דער פירערשאַפט, מיינט צו זיין בלינד און עס מיינט אַראָפּוואַרפען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון זיך.

וואָס מען דאַרף האָבען אין זין, איז, אַז מיר האָבען נישט צווישען זיך, און עס זיינען דאַכט זיך ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט, אַזעלכע חכמים וועלכע זאָלען קענען פאָראויס זען וואָס די צוקונפט טראָגט פאַר אונז, וואָס עס קען פאָרקומען אין טרעיד. דאַרום טרעפט טאַקע, אַז נאָכדעם ווי מען באַטראַכט, מען שטודירט איין איבעל אין איין אינדוסטריע, און מען געפינט דאַכט זיך א פּלאַן, ווי אַזוי אָט די קראַנקהייט, דעם איבעל צו קורירען, קומט פאַר אַזאַ ענדערונג אין טרעיד, אַז אַנדערע פּראָבלעמען ווערען אַרויסגערופען וועלכע פאָדערען א לייזונג.

דאָס געוויינטליך איז די אורזאַך וואָס האָט אונז פילע מאָל אַנטוישט און ניט פאַרשטייענדיג, ניט זייענדיג קלאָר וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, וואָרום אונזער פּלאַן האָט ניט פאַרענטפערט די פּראָבלעמען, זוכען מיר געוויינטליך צו וואַרפען די שולד אויף דעם פירער.

עס איז צייט, אַז מיר זאָלען באַגעגענען די פאַקטען מיט אָפענע אויגען. אונזערע אינדוסטריען איז שווער צו אָרגאַניזירען א הונדערט פּראָצענט, פאַרשיידענע אורזאַכען זיינען פאַקטאָרען וועלכע מאַכען כמעט אוממעגליך א הונדערט פּראָצענט אָרגאַניזאַציע, און דאַרום קענען מיר טאַקע ניט האָבען קיין הונדערט פּראָצענט צו וואָס מיר זיינען בארעכטיגט.

וואָס איר מוזט טאָן און דאַרפט טאָן, אום דורכפירען אייער מיסיע ערליך און טריי צו דער מעמבערשיפּ, איז, ערשטענס, מוז אייער יוניאָן פּטור ווערען פון די חובות וועלכע דריקען און פּרעסען די אָרגאַניזאַציע. די יוניאָן מוז באַפרייט ווערען פון דער שטענדיגער מורא פון צו אריינפאַלען אין באַנקראָט, און עס מוז געשאַפען ווערען א פאָנד, וועלכע זאָל געבען דער אָרגאַניזאַציע די מעגליכקייט אָנצופירען יענע טעטיגקייט וואָס מאַכט מעגליך, אַז די יוניאָן זאָל פונקציאָנירען ווי געהעריג איז.

צווייטענס, מוז די מעמבערשיפּ, און ספּעציעל די פירערשאַפט און טעטיגע מיערס, איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָנערקענען, אַז נור אין אייניגקייט איז מאַכט, און אָט די אייניגקייט קען נור עקזיסטירען, ווען מען זוכט צו ענטוויקלען די בעסערע אייגענשאַפטען, די בעסערע געפילען אין'ם מענשען.

פאַרשפּרייט ליבע, אחדות און די בלום פון סאָלידאַריטעט וועט בליען.

איך האָף, אַז די קאָנווענשאָן וועט פאַרענטפערען פילע פראַגען, וועלכע מאַטערען אונזער מעמבערשיפּ.

די קאָנווענשאָן וועט אריינברייננגען יענע אחדות און סאָלידאַרישע געפילען, וועלכע מאַכען פון אונז בעסערע מענשען; מענשען וועלכע זיינען פעאיג צו קעמפען, צו אָפּפערען פאַר א אידעאַל.

STATEMENT OF OWNERSHIP, MANAGEMENT, CIRCULATION, ETC., REQUIRED BY THE ACT OF CONGRESS OF AUGUST 24, 1912,

Of Gerechtigkeit, published monthly at 76 Montgomery Street, Jersey City, N. J., for April 1, 1932.

State of New York; County of New York—ss.

Before me, a Notary Public in and for the State and county aforesaid, personally appeared David Dubinsky, who, having been duly sworn according to law, deposes and says that he is the Secretary-Treasurer of the International Ladies' Garment Workers' Union, publishers of Gerechtigkeit and that the following is, to the best of his knowledge and belief, a true statement of the ownership, management, etc., of the aforesaid publication for the date shown in the above caption, required by the Act of August 24, 1912, embodied in section 411, Postal Laws and Regulations, printed on the reverse of this form, to wit.

1. That the names and addresses of the publisher, editor, managing editor, and business managers are:

Publisher, International Ladies' Garment Workers' Union, 76 Montgomery Street, Jersey City, N. J.; Editor, Dr. B. Hoffman, 3 West 16th Street, New York City, N. Y; Managain Editor, None; Business Managers, None.

2. That the owner is: International Ladies' Garment Workers' Union, 76 Montgomery St., Jersey City, N. J.; Benjamin Schlesinger, 3 West 16th Street, New York City, N. Y., President; David Dubinsky, 3 West 16th Street, New York City, N. Y., Secretary-Treasurer.

3. That the known bondholders, mortgageees, and other security holders owning or holding 1 per cent or more of total amount of bonds, mortgages, or other securities are: None.

4. That the two paragraphs next above, giving the names of the owners, stockholders, and security holders, if any, contain not only the list of stockholders and security holders as they appear upon the books of the company but also, in cases where the stockholder or security holder appears upon the books of the company as trustee or in any other fiduciary relation, the name of the person or corporation for whom such trustee is acting, is given; also that the said two paragraphs contain statements embracing affiant's full knowledge and belief as to the circumstances and conditions under which stockholders and security holders who do not appear upon the books of the company as trustees, hold stock and securities in a capacity other than that of a bona fide owner; and this affiant has no reason to believe that any other person, association, or corporation has any interest direct or indirect in the said stock, bonds, or other securities than as so stated by him.

DAVID DUBINSKY,
Secretary Treasurer.

Sworn to and subscribed before me this 13th day of April, 1932.

SIEMON L. HAMBURGER,
Notary Public.

(My commission expires March 30, 1934)

מאַנגען, וואָס דאָס איז איצט זעהר לייכט אויסצופיהרען, און וועלכע געוויינליך ענדיגט זיך מיט אַ בלוטבאָד פאַר די אומגליקליכע דעמאָנסטראַנטען.

איך האָף, אַז קיינער וועט ניט באַשול־דיגען מיך, דאָס איך האָב און וויל זאָגען אַ גוט וואָרט פאַר די מערדער. ניט נאָר קאָן איך עס ניט, נאָר פון דער סאַמע טיפעניש פון מיין הארצען פאַרדאַם איך זיי, און איך האָף, דאָס פריהער אָדער שפּעטער וועלען זיי טייער באַצאָהלען פאַר די בלוט, וואָס זיי פאַרגיסען אויף אַזאַ נידערטרעכטיגען, אויף אַזאַ גלייכגילטיגען אופן, ווי דאָס האָט, למשל, פּאַסירט אין דירבאָרן פאַר פאָרד'ס פעקטאָרי. אָבער אין דער זעלבער צייט האָב איך ניט קיין וואָרט פון הסכמה צו די, אויב עס זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען אַרויסגעפיהרט אָט די אומגליקליכע הונגער־ליידער צו אַ דעמאָנסטראַציע, וועל־כע אין בעסטען פאַל האָט ניט געקאָנט פיה־רען צו דער מינדסטער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אומגליקליכע דעמאָנ־סטראַנטען.

איך געדענק ניט, צי איך האָב עס שוין אין אירגענד אַן אַרטיקעל מיינעם אין דער „גערעכטיגקייט" געגעבען אויסדרוק צו דעם געדאַנק, צי ניט, אָבער עס שיינט מיר, דאָס אויב יאָ, מעג מען עס איבער'חזר'ען, דאָס אין דער לאַגע ווי זי איז, שיינט מיר יעדע דעמאָנסטראַציע פון אַ פּאָר טויזענט מענשען איבעריג, און פון דעם מינדסטען נוצען ניט. וואָרים, וואָס איגענטליך באַצוועקט מען מיט אַ דעמאָנסטראַציע, אויב ניט דאָס, וואָס מענשען זיינען אַרבייטסלאָז, הונגעריג, און פאָדערען זייער רעכט אויף אַרבייט. איז אין אַמאָליגע קריזיסען, ווען אַלע פינ־סטערע כוחות אין לעבען האָבען געזוכט צו פאַרבאַהאַלטען דעם פאַקט פון אַרבייטסלאָ־זיגקייט און הונגער, האָט די עפענטליכע דע־מאָנסטראַציע געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. דאָס האָט קלאָר דעמאָנסטרירט די פאַלשקייט פון אונזער פּראָסטיטואירטער פּרעסע, טריי־ענדיג צו פאַרדריידען דעם עולם די ציין, אַז די גאַנצע מעשה פון הונגער און אַרבייטס־לאָזיגקייט איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

איצט אָבער, ווען קיינער קאָן נאָר ניט מאַכען קיין סוד פון דער שרעקליכער אַר־בייטסלאָזיגקייט און דעם מאַסען־הונגער; איצט, אַז עס איז בלויז אַ פראַגע צי דאָס זיינען צעהן אָדער צוועלף מיליאָן מענשען, וואָס זיינען אָהן אַרבייט; איצט, אַז דער קלאָרסטער באַווייז פאַר דעם מאַסען־הונגער זיינען טאַקע די הונדערטע מיליאָנען דאָלאַרס וואָס ווערען אויסגעטיילט אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל צו די הונגעריגע, דאַרף מען נאָך האָבען אַ גרעסערע דעמאָנסטראַציע?

אָבער, וועט מען זאָגען, די הונגער־לייד־דער דעמאָנסטרירען דאָך בלויז זייער אונ־טערוואָרפענקייט, זייער ערנידערונג צו דעם גראַד פון בעטלער, עס מוז דעמאָנסטרירט ווערען, דאָס עס זיינען נאָך דאָ טויזענדע, וועלכע ווילען ניט דעם בעטעל־ברויט, נאָר ווילען אַרבייט, און פיהלען, דאָס זיי האָבען אַ רעכט דאָס צו פאָדערן.

אָבער, ווי מיר דאכט זיך, איז דאָס אויך אַ קנאַפּער תירוץ. וואָלטען כאָטש אַ מיליאָן אַרבייטער און אַנדערע נויטליידענדע אַרויס־געקומען מיט אַזאַ דעמאָנסטראַציע, וואָלט עס געוויס געווען פון אַ זעהר גרויסער באַ־דייטונג, אָבער אַז פון די אַלע מיליאָנען קומען אַרויס ערגעץ וואו אַ פּאָר טויזענט, און אויך וועגען די זאָגט מען, אַז דאָס זיי־נען געווען די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען זיי אויפגעהעצט מיט זייערע אַנגעבלאָזענע פראַזען, שיינט מיר, אַז אַזאַ מין דעמאָנ־סטראַציע באַווייזט פאַר די גרויסע און מעכ־טיגע, אַז דערווייל האָבען זיי נאָך ניט פאַר וואָס און פאַר וועמען מורא צו האָבען. אַזאַ דעמאָנסטראַציע באַווייזט נאָר די גאַנצע שוואַכקייט פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות אין אַמעריקאַ.

דאָ האָט איהר אייניגע געדאַנקען, וועלכע צייט און אומשטענדען האָבען אַרויסגערופען ביי מיר, און ווי מיר שיינט, ביי פילע אַנ־דערע דענקענדע מענשען. מעגען מיינע לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" זיך פאַר־טראַכטען וועגען זיי. עס וועט זיי אָסור שאַדען אין דער איצטיגער שווערער צייט אין אַלגעמיין און אין זייערע טאָג־טעגליכע קעמפּפע, וואָס זיי מאַכען דורך און מוזען דורכמאַכען, אַ ביסעלע נאָכצודענקען וועגען די אַלע אַנגערירטע פּונקטען.

קאָנווענשאָן־געדאַנקען

פון אב. באַראָף

ווידער טומעלט זיך אין די לאָקאַלס פון אונזער אינטערנעשאָנאַל.

ווידער איז דאָ אַ פיבערהאַפטע טעטיג־קייט אין די לאָקאַל יוניאָנס, עלעקשאָנס, דער יאַריד איז אין פולען גאַנג, מען קלייבט דעלעגאַטען צו דער קומענדער קאָנווענשאָן פון אונזער יוניאָן.

צוויי און אַ האַלב יאָהר זיינען אוועק זינט די לעצטע קאָנווענשאָן פון אונזער אינטערנעשאָנאַל איז געשלאָסען געוואָרען, ווען אַלע דעלעגאַטען האָבען מיט האָפנונגס־פולע הערצער זיך צוריקגעקערט צו זייערע היימען, צו דער לאָקאַלער טעטיגקייט, מיט אַ פולען באַוואוסטזיין, דאַכט זיך, אַז זיי האָבען מיט טאַקט און ערנהאַפט פאַרענט־פערט אַלע פּראָבלעמען, וואָס מאַטערען אונ־זערע מעמבערס און באַאונרוהיגען די פיה־רערס.

און ווידער וועלען זיך די דעלעגאַטען פון די פאַרשידענע לאָקאַלס, פון די פאַר־שידענע שטעדט זיך פאַרזאַמלען צו באַ־טראַכטען פּלענער, צו דיסקוטירען די פאַר־גאַנגענע טעטיגקייטען פון דער פיהרער־שאַפט און אָננעמען באַשלוסען, ווי אין דער צוקונפט מיט מעהר ערפאָלג דורכפיהרען יענע פּלענער, וועלכע זאָלען באַשיצען די מעמבערשיפּ פון עקספּלואַטאַציע.

איך בין זיכער, אַז עס זיינען דאָ אַזעל־כע צווישען די אַמביציעזע דעלעגאַטען, וועלכע פאָהרען צו דער קאָנווענשאָן מיט אָפּגעמאַכטע מיינונגען, און פיליכט מיט ביטערקייט אין זייערע נשמות, געגען דער פיהרערשאַפט; אַנדערע פיליכט מיט דער איבערצייגונג, אַז די פיהרערשאַפט האָט ניט גענוג געטאָן צו באַשיצען די אינטע־רעסען פון דער מעמבערשיפּ.

אמת אַז אַזעלכע זיינען דאָ אין דער קליינער מינאָריטעט, אָבער עס ווילט זיך, אַז אפילו אָט די קליינע מינאָריטעט זאָלען קומען צו דער קאָנווענשאָן מיט הער־צער פרייע, מיט נשמות וועלכע זאָלען זיך צינדרען נאָר מיט איין באַנער, ביי דער קאָנ־ווענשאָן אויסשמידען די רייען פון די אַר־בייטער און שפּרייטען צווישען דער מעמ־בערשיפּ דעם געפיהל פון אמת'ע פריינט־שאַפט, האַרמאָניע און סאָלידאַריטעט.

איך בין זיכער, אַז דער באַריכט פון דער פיהרערשאַפט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל וועט קלאָר, ניט באַפאַרבט און ניט איבער־טריבען, באַווייזען די דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן, אַז זיי האָבען, צו טראָץ די ביטערע צייט, דעם שרעקליכען קריזיס, וועלכער האָט געבראַכט ניט נאָר דאָ אין לאַנד, נאָר טאַקע איבער דער גאַנצער וועלט אַ חורבן, אַז דער ביטערער קריזיס וואָס האָט ניט נאָר געטריבען גרויסע אינסטי־טוציעס צו באַנקראָט, נאָר האָט זאָגאַר גאַנצע פעלקער כמעט געטריבען צום אונ־טערגאַנג, מחמת די פינאַנציעלע באַדינגונ־גען זיינען אונטערגעגראָבען געוואָרען, און דאָס האָט געטריבען צו דער גרויסער אַר־בייטסלאָזיגקייט, וועלכע האָט מיט זיך גע־בראַכט אַזוי פיל נויט, פשוט'ן הונגער צו די אָרימע מאַסען, — אָט אַ דער ביטערער שאַרפער קריזיס וועלכער איז דאָס קינד פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט דאָ ביי אונז צובראָכען, רואינירט מעכטיגע אָרגאַניזאַציעס, האָט שטאַרק אָפּ־געשוואַכט דעם כוח פון דעם אָרגאַניזירטען אַרבייטער, האָט זיינע יוניאָנס כמעט מאַכט־לאָז געמאַכט, און צום טראָץ אָט דעם אַל־געמיינעם אומגליק, דער ספּעציעלער שאַר־פער ערשעפּטער פינאַנציעלער צושטאַנד, אונטער וועלכען אונזער אינטערנעשאָנאַל איז געווען געצוואונגען אָנצוגעהן מיט איהר אַרבייט, דער פינאַנציעלער צושטאַנד וועל־כער איז איבערגעבליבען געוואָרען אַלס אַ ירושה פון דער פיהרערשאַפט פון די קאָמו־ניסטען, צום טראָץ אַלעם דעם קען דאָך די אינטערנעשאָנאַל זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס אויסרעכענענדיג אָט די אַלע שווערע שרעקליכע שטערונגען, האָט דאָך די יוניאָן אָנגעפיהרט אַ פיבערהאַפטע טעטיגקייט.

די פיהרערשאַפט האָט זיך ניט אָפּגע־שראָקען, האָט געוואַגט זאָגאַר צו רופען דזשענעראַל סטרייקס, האָט אָנגעפיהרט אַר־

ניזערען דעם לאָקאַל און עס איז גאַנץ מעגליך אַז דורך דעם זאָל אויף דאָס ניי אויפפלאַקערען דער יוריסדיקציע קאַמף צווישען די צוויי אינטערנעשאַנאַלס ,וועלכער האָט ביידע צדדים גענוג שאַדען געבראַכט איידער עס איז געלונגען דער אַמעריקאַן פעדערײשאַן און לייבאָר אויסצוגלייכען דעם סכסוך.

צום גליק זיינען עס בלויז די בלאָקערס, איין פאַך פון טרייד, וואו די אַרבייטער זיינען אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדער לאָקאַל. די אַנדערע פאַכען, ווי געזאָגט, באַלאַנגען אַלע צוזאַמען. נו, ווען עס זיינען ניטאָ קיין באַזונדערע לאָקאַלס, זיינען ניטאָ קיין באַזונדערע קאַסעס; איז ניטאָ קיין לאָקאַלער פאַטריאָטיזם און לאָקאַלע פּאָליטיק; איז ניטאָ קיין צושפּליטערונג, העררשט מעהר איינינקייט און די יוניאָן איז שטאַרקער.

צווייטענס, האָבען די מילינערי אַרבייטער זיך אויסגעלערנט צו טאָן אַליין זייער אַרבייט און ניט דאַרפען אָנקומען צו פרעמדע... די מילינערי יוניאָן האָט אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע, צו וועלכער עס געהערען פון 6 ביז 7 הונדערט אַרבייטער. די מעמבערס פון אָט דער קאָמיטע טוען אַליין אַלץ וואָס עס איז נויטיג, סיי די איידעלע מלאכות צו אָרגאַניזירען, אַגיטירען מיט וואָרט און שריפט, און סיי די „גראָבערע" אַרבייט פון ארונטערנעמען שעפּער און פּיקעטען. ווען עס איז אַמאָל נויטיג אפילו „אויסצוציהען" אַ פּאָר „שטאַרקע" וועלכע נעמען זיך אונטער צו באַשיצען אַ טשעק שאַפּ אָדער צו פאַרטרייבען די פּיקעטס, טוען עס די יוניאָןלייט אויך אַליין. און די מעמבערס טוען די אַרבייט ניט פאַר געלט. די יוניאָן צאָהלט בלויז פאַר צייט פאַרלוסט, אויב זי סטאַפּט זיי אָפּ אַמאָל אַ פּאָר שטונדען פון דער אַרבייט. דאָס נעמט פון דער מילינערי יוניאָן אַרונטער דעם גרעסטען טייל פון די געלט פּראָבלעמען. איהר אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט קאָסט איהר זעהר ביליג און ווערט געטאָן פיל געוויסענהאַפטער.

און טאַקע איבער די פאַרצוגען וואָס די מילינערי יוניאָן האָט, האָט זי זיך געקענט פאַרגינען אין דעם איצטיגען סטאַפּעדזש איבערצודרעהען דעם סדר און אַנוועדען אַ פאַרקערטע מעטאָדע, ווי די וואָס די אַנדערע יוניאָנס ווענדען אָן אין ענליכע אומשטענדען. אַנשטאָט צו וואַרטען מיט'ן אָרגאַניזירען די ערגסטע סקעב שעפּער ביז דער אַלגעמיינער סטאַפּעדזש וועט גערופען ווערען אין טרייד און האָפען זיי אַריינצוציהען אין שטראָם דורכ'ן סטרייק, האָבען זיי זיך גענומען צו די סאָרטען שעפּער מיט אַ וואָך פאַר דעם סטאַפּעדזש. אין מילינע־י טרייד זיינען געווען אַרום 25 שעפּער, וועלכע זיינען באַשיצט געוואָרען געגען דער יוניאָן פון איינער פון די ערגסטע גענגסטער באַנדעס אין שטאָדט. האָט די אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע, פאַר'ן סטאַפּעדזש, זיך דוקא אַ נעם געטאָן צו די שעפּער. דער איבערפאַל איז געמאַכט געוואָרען פּלוצלונג, אומגעריכט, און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די „שטאַרקע באַשיצער" זיינען געלאָפען פון די שעפּער ווי געיאָגט פון שדים... די פּשוט'ע אָפּערייטאָרס און קאַטערס האָבען געבראַכט די ממשלה פון אַ באַנדע פּראָפעסיאָנעלע גענגסטערס און זיי פאַרטריבען פון מילינערי טרייד. 19 פון די שעפּער האָבען גלייך געסעטעלט מיט דער יוניאָן אַזוי שנעל ווי זיי האָבען דערזעהן אַז זייערע באַשיצער זיינען מאַכטלאָז.

פאַרשטעהט זיך, אַז נאָך אַזאַ צוגרייטונג האָט דער סטאַפּעדזש לאַנג ניט געדאַרפט אָנהאַלטען. די אַסאָסיאיישאָן שעפּער האָבען אָנגעהויבען צוריק אַרבייטען 24 שטונדען נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרונטער. אין איין וואָך צייט זיינען פון 80 ביז 90 פּראָצענט פון די אַרבייטער שוין געווען צוריק אין די שעפּער אויף יוניאָן באַדינגונגען. די איבעריגע וועלען ווארשיינליך אויך מוזען נאָכקומען. די יוניאָן האָט אויסער די מאַטעריעלע געווינסען אויך געוואונען צווישען 3 און 4 טויזענט נייע מעמבערס. אין אַזאַ פאַרהעלטניסמעסיג קליינעם טרייד איז אפשר דער דאָזיגער געווינס דער גרעסטער.

**
*

די בורענינע, וואָס עס געהט אָן אין אַמאַלגאַמייטעד לאָקאַלען 3 לענגערע צייט האָט לעצטען מאָנאַט אויסגעבראָכען אין אַ קאַמף פון 3 לאָקאַלען געגען דעם דזשאָינט באָארד און אין אַ ניט־אויטאָריזירטען סטרייק פון די באָטאָנהאָל מאַכער אין די שעפּער, וואו מען מאַכט קינדער קליידער. דער סטרייק פון די באָטאָנהאָל מאַכער האָט אָנגעהאַלטען בלויז איין טאָג. מען האָט די קריוודעס ווי עס איז פאַרגלייכט. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז אַלץ איז שוין ווידער רוהיג. רייסערייען וועלען נאָך ווארשיינליך זיין גענוג. די רייסערייען קענען ניט אויפהערען, ווייל די לאַגע איז דאָרט אַ פאַרפּלאָנטערטע. די מאָטיווען פון די שטרייטענדע פּראַקציעס זיינען ניט די וואָס זיי גיבען אָן אָדער קענען אָנגעבען אין דער עפענטליכקייט, און די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבייטער איז אַזאַ, אַז זיי זוכען איינפאַך אימעצען אויף וועמען אויסצוגיסען זייער ביטער הארץ און זיינען גערן נאָכצוגעהן יעדען וואָס רופט זיי אין קאַמף, מאַכט ניט אויס געגען וועמען און פאַר וואָס.

די דריי לאָקאַלען וואָס האָבען זיך צובונטעוועט געגען דעם דזשאָינט באָארד זיינען די לאַפּעל־מאַכער, באָטאָנהאָל־מאַכער און טוירנערס. אָפיציעל הייסט עס, קעמפען זיי געגען דעם וואָס די פיהרערשאַפט פון דזשאָינט באָארד האָט ערלויבט מאַנכע באַלעבאַטים צו שניידען די ווידזשעס פון די אַרבייטער געגען דעם ווילען פון די לאָקאַלען. און ווען יענע האָבען זיך אַנטזאָגט צו אַרבייטען פאַר קלענערע ווידזשעס, האָט מען די באַלעבאַטים געגעבען ערלויבניש אַנצושטעלען אַנדערע אַרבייטער אויף זייער פּלעצער און יענע האָבען געאַרבייט אונטער'ן שוץ פון פּאָליציי.

דאָס איז די אָפיציעלע ווערזיע פון די פיהרער פון די 3 לאָקאַלען. אין דער אמת'ן זיינען אָבער דערביי פאַראַן גאַנץ אַנדערע מאָטיווען. און די מאָטיווען זיינען ניט קיין עקאָנאָמישע, נאָר פּאָליטישע. און גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס די אַמאַלגאַמייטעד דזשאָינט באָארד האָט באַשלאָסען צו איינפיהרען „עקאָנאָמיע", דאָס הייסט שניידען די הוצאות...

ביי די מענער־שניידער איז נאָך געבליבען בירושה פון אַמאָליגע יאָהרען אַרום אַנדערטהאַלבען טוצען לאָקאַלען. די מעהרסטע פון זיי זיינען פאַרבונדען מיט דעם דזשאָינט באָארד און האָבען ניט קיין אייגענע קאַסעס. דער דזשאָינט באָארד זאַמעלט די דיוס פון די מעמבערס און דעקט אַלע אויסגאַבען. די לאָקאַלען קריגען בלויז אַ קליינעם פּראָצענט פון די דיוס פון זייערע מעמבערס פאַר זייערע אייגענע הוצאות. אָבער כאָטש קיין אייגענע קאַסעס האָבען ניט די לאָקאַלען, איז עס שוין אָבער אַ טראַדיציע, אַז יעדער פון זיי איז באַרעכטיגט צו אַ געוויסער צאָהל באַצאָהלטע עמטער, ווער מעהר ווער ווייניגער, לויט דער פּאָליטישער שטאַרקייט פון דעם לאָקאַל.

נו, אַז עס זיינען דאָ אַ סך לאָקאַלען, זיינען דאָ אַ סך באַצאָהלטע באַאַמטע, און יעדערער פון זיי דאַרף קריגען ווידזשעס. אַזוי ווי אָבער די צייט איז שלעכט, קיין אַרבייט אין די שעפּער איז ניטאָ, און די צאָהל דיוס־צאָהלער האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט, מוז מען שניידען די הוצאות. דאַרף מען פאַרקלענערען די צאָהל באַצאָהלטע באַאַמטע.

דער דזשאָינט באָארד האָט אַליין דעם דזשאָב ניט געקענט מאַכען. האָט מען עס איבערגעגעבען צום דזשענעראַל אָפיס, און יענע האָבען באַשלאָסען צו פאַרשמעלצען אַ געוויסע צאָהל לאָקאַלס אין איינעם.

דער אמת איז, אַז די פיהרער פון דזשענעראַל אָפיס האָבען שוין לאַנג געזוכט צו מאַכען די אָפּעראַציע. אָבער די לאָקאַלע פיהרער האָבען עס ניט דערלאָזט. איצט אָבער, ווען אין דעם דזשאָינט באָארד איז סיי ווי ניטאָ קיין געלט, האָבען זיי געהאָפט, אַז עס וועט זיי געלינגען דורכצופיהרען די רעפאָרמע.

און עס וואָלט אפשר טאַקע געלונגען אויך. די צרה איז בלויז געווען, וואָס עטליכע לאָקאַלען די דריי אויבען אויסגערעכנעטע און די קאַטערס, האָבען יאָ געהאַט אייגענע קאַסעס. האָבען די אַנדערע לאָקאַלען גע'טענה'ט, אויב אַמאַלגאַמיישאָן — איז ביז אַרונטער. זאָל מען די לאַפּעל־מאַכער, טוירנער און באָטאָנהאָל־מאַכער אויך פאַרשמעלצען מיט די אָפּערייטאָרס און די שניידער.

די פיהרער פון די דריי לאָקאַלען האָבען אָבער גאָר קיין חשק ניט אָפּצוגעבען די מלוכה. דערפון האָבען זיך אָנגעהויבען די רייסערייען.

וואָלטען די שניידער ניט געליטען אַזוי שווער עקאָנאָמיש, וואָלט עס ניט לייכט געווען אויפצורייצען זיי געגען דעם דזשאָינט באָארד און דער פיהרערשאַפט. די לאַגע פון די שניידער איז אָבער אַ זעהר שווערע. די אַרבייטסלאָזיגקייט צווישען זיי איז אומגעהויער. די פאַרדינסטען זייערע זיינען געזונקען צו דער נידעריגסטער שטופע. אי־

געשעהענישען אין אונזערע נאענטע קרייזן

פון דעם לעבען אין אונזערע שוועסטער יוניאנס אין די נאדעל טריידס

פון ש. פארבער.

די מילינערי יוניאן האט געשלאסען א קאלעקטיווען אגרימענט מיט דער אסאסיאיישאן פון באלעבאטים און נאכדעם גערופען א „דזשענעראל סטאפעדזש", אפגעשטעלט די ארבייט אין אלע שעפער, כדי צו קריגען קאנטראל און ארגאניזירען די אפען שעפער.

קאלעקטיווע אגרימענטס זיינען ניט ניי פאר די ארבייטער פון די נאדעל טריידס. דער דזשענעראל סטאפעדזש איז אויך ניט קיין נייע זאך. שליסען פריהער אן אפמאך מיט אן אסאסיאיישאן, צו וועלכער עס באלאנגען א גרויסע צאהל באלעבאטים און ערשט נאכדעם אפשטעלען די ארבייט אין די שעפער, זיינען פראקטיצירט געווארען פון אונזערע נאדעל טרייד יוניאנס א סך מאל דורך די לעצטע צוויי צעהנדליג יאהר. מיר דוכט, אז דער נאמען אליין „דזשענעראל סטאפעדזש" איז ערפונדען געווארען פון די יוניאנס. פריהער פלעגט מען בלויז וויסען פון סטרייקס און גענעראל סטרייקס. דאס הייסט, ווען מען האט ניט געקאנט אייננעהמן אויף די ארבייטס באדינגונגען מיט אן ארבייטסגעבער אדער מיט אלע ארבייטסגעבער פון א געוויסער אינדוסטריע, פלעגען די ארבייטער ארונטער אין סטרייק און מיט דעם פרובירט צווינגען די באלעבאטים נאכצוגעבען זייערע פארדערונגען. ערשט נאכדעם ווי מען האט אנגעהויבען שליסען קאלעקטיווע אגרימענטס און סטרייקס זיינען געווארען פארבאטען, האט מען אנגעהויבען מאכען „סטאפעדזשעס", דאס הייסט געארבייט האט מען טאקע ניט, אבער קיין סטרייק איז אויך ניט געווען. פון איינצעלנע שעפער האט זיך די פראקטיק אריבערגעטראגען אויף א סך שעפער מיט אמאל, אדער אויף אלע שעפער פון א טרייד, און אזוי איז געבוירען געווארען דער „דזשענעראל סטאפעדזש".

האבען, אלזא, די מילינערי ארבייטער ניט אויפגעטאן קיין נייס, ניט מיט דעם קאלעקטיווען אגרימענט און ניט מיט דעם סטאפעדזש וואס זיי האבען דורכגעפיהרט. דאך זיינען געווען א סך נייאיגקייטען אין זייערע מעטאדען און אין דער טאקטיק וואס זיי האבען אנגעווענדט אין דעם סטאפעדזש, מיט וועלכע עס איז ווערט צו באקענען זיך און וועגען וועלכע עס לוינט זיך צו פארטראכטען. איבערהויפט דערפאר וואס די נייע מעטאדען האבען געבראכט די מילינערי ארבייטער א גאנץ היבשען ערפאלג.

די וויכטיגסטע געווינסען זיינען, ערשטענס, דאס ארגאניזירען די טרימערס. כאטש די אפערייטארס, בלאקערס און קאטערס זיינען געווען פארהעלטניסמעסיג גוט ארגאניזירט אין דעם מילינערי טרייד שוין פון היפשע עטליכע יאהר און האבען געארבייט אונטער יוניאן באדינגונגען אין די מעהרסטע שעפער, זיינען די טויזענטער טרימער, וואס האבען מיט זיי געארבייט אין די זעלבע שעפער, ניט געווען ארגאניזירט און האבען געארבייט אונטער די ערגסטע באדינגונגען. די טרימער זיינען דורכאוים פרויען. און טראץ אלע אנשטרענגונגען, וואס די מילינערי יוניאן האט געמאכט זיי צו ארגאניזירען, איז עס ניט געלונגען. אין דער הינזיכט איז דארט די לאגע געווען די זעלבע ווי ביי אונזערע קאסטאם טעילארס און דרעסמייקערס, וואו די שניידער זיינען געווען פארהעלטנסימעסיג גוט ארגאניזירט און די דרעסמאכער וואס האבען געארבייט מיט זיי אין די זעלבע שעפער, האבען געארבייט אונטער אפען־שאפ באדינגונגען.

אורזאכען זיינען פאר דעם געווען פארשיידענע. טיילווייז איבער דעם, וואס די טרימער זיינען דורכאוים פרויען און יונגע מיידלאך; דערצו ארבייטען דערביי מיידלאך פון אלערליי נאציאנאליטעטען: אידישע, איטאליענישע, אמעריקאנערינס, שפאנישע, הכלל — אן עלעמענט וואס לאזט זיך ניט לייכט ארגאניזירען, און פארבלייבען דערצו נאך ניט לאנג אין טרייד. א חלק אין דעם וואס די טרימערינס זיינען אזוי לאנג געבליבען ניט ארגאניזירט, האבען אויך געהאט די קאמוניסטען, וועלכע האבען געקראגען אן אנהאלט אין דעם טרימערס לאקאל און האבען צובראכען דאס וואס לאקאל 24 האט געבוים.

וואס אבער די אורזאכען זיינען ניט געווען, דער פאקט איז געבליבען, אז די טרימערס אין די מעהרסטע שעפער זיינען ביז איצט געווען ניט ארגאניזירט. דורך דעם איצטיגען קאלעקטיווען אגרימענט און דעם סטאפעדזש האט די יוניאן געוואונען אנערקענונג פאר די טרימערס און געקראגען פאר זיי יוניאן באדינגונגען.

די אנדערע געווינסען זיינען: א פינףטאגיגע 40 שטונדיגע ארבייטס וואך; גאנץ הויכע מינימום סקעילס; באצאהלט פאר געזעצליכע ימים טובים אפילו ווען די ארבייטער האבען אין דער יום טוב וואך קיין ארבייט ניט אין שאפ. און דאס וויכטיגסטע איז, וואס דער אגרימענט פארבאט אין גאנצען ארויסצוגעבען ארבייט צו קאנטראקטארס אדער אפילו צו קויפען ארבייט פון קאנטראקטארס. די מילינערי יוניאן האט געלערענט פון דער ערפאהרונג וואס די ארבייטער פון די אנדערע נאדעל־טריידס האבען געהאט, ווי אזוי די דזשאבינג קאנטראקטינג מכה רואינירט דעם טרייד און צוברעקעלט די שעפער, און האבען עס באצייטענס פארבאטען.

ווי קומט עס וואס די מילינערי באלעבאטים האבען נאכגעגעבען די פאדערונגען פון דער יוניאן און די אסאסיאיישאן האט אונטערגעשריבען אזא אגרימענט גאר אהן א קאמף? אט דאס מוז צוגעשריבען ווערען צו דער אנדערשקייט אין דער באציהונג פון דער מילינערי יוניאן צו די באלעבאטים.

די מילינערי יוניאן האט ביז איצט ניט געהאט און ניט געוואלט האבען קיין קאלעקטיווען אגרימענט מיט דער אסאסיאיישאן פון באלעבאטים. זיי האבען איין מאל מיט עטליכע יאהר צוריק אונטערגעשריבען אזא אגרימענט. די אסאסיאיישאן אבער האט אזוי געהאנדעלט, אז די יוניאן האט געזאגט „נא מאר", מעהר קיין קאלעקטיווע אפמאכען ווילען מיר ניט. די יוניאן האט זינט דאן געהאנדעלט מיט יעדען באלעבאס באזונדער און איהם געצוואונגען אנצוהאלטען יוניאן באדינגונגען אין זיין שאפ.

איבער דער טאקטיק זיינען די פאזיציעס פון דער יוניאן און דער אסאסיאיישאן געווען פארקערט ווי אין אנדערע טריידס. אנשטאט וואס די יוניאן זאל דארפען זוכען שתדלנים, וועלכע זאלען פועל'ן ביי דער אסאסיאיישאן אונטערצושרייבען מיט איהר אן אגרימענט, האט גאר די אסאסיאיישאן געזוכט שתדלנים צו פועל'ן ביי דער יוניאן, אז זי זאל אונטערשרייבן מיט איהר אן אגרימענט. די באלעבאטים האבען זיך געווענדעט צו ליוטענאנט גאווערנאר לעהמאן און אפילו צו פרעזידענט גרין פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר, אז זיי זאלען באאיינפלוסען די מילינערי יוניאן אונטערצושרייבען א קאלעקטיוון אגרימענט מיט דער אסאסיאיישאן. נו, ווען די באלעבאטים האבען זיך געדארפט בעטען, האבען זיי זיך קיין סך ניט געקענט דינגען. זיי האבען געמוזט אננעמען די באדינגונגען וואס די יוניאן האט זיי געגעבען.

די מילינערי יוניאן איז געווען אזוי פעסט ביי זיך, אז זי האט זיך געקענט פארגינען ניט צו אנערקענען די אסאסיאיישאן, דערפאר וואס זייער ארמיי איז א פעסטערע און א מעהר דיסציפלינירטע ווי אין די אנדערע יוניאנס.

ערשטענס, איז די מילינערי יוניאן ניט צוברעקעלט אין אזוי פיל לאקאלען ווי עס זיינען די ארבייטער פון אנדערע טריידס. די קאטערס, אפערייטארס און טרימערס באלאנגען אלע צו לאקאל 24. די איינציגע וואס האבען א באזונדער לאקאל זיינען די בלאקערס, איז טאקע מיט זיי צרות. אויך אין דעם איצטיגען אגרימענט און סטאפעדזש האבען זיי זיך ביז דער לעצטער מינוט געברעקעלט צי זיי זאלען מיטהאלטען מיט די אפערייטארס און די אנדערע ארבייטער צי ניט. עס איז נויטיג געווען א שטרענגער באפעהל פון דער אינטערנעשאנאל צו מאכען זיי מיטגעהן. איצט, נאכ'ן סטרייק, מאכן די פיהרער פון בלאקערס לאקאל א פארזוך זיך אפצורייסען פון דער קעפ און מילינערי אינטערנעשאנאל און זיך אנשליסען אן די „יונייטעד העטערס", צושפאלטענדיג דורך דעם די מילינערי יוניאן. די אינטערנעשאנאל איז געצוואונגען געווארן צו רעארגא

די ענדערונגען וואס די יוניאן פארלאנגט אין די אגרימענטס מיט די קלאוק באלעבאטים

דורך דעם לעצטען מאנאט האבען די פארשטעהער פון דער קלאוקמאכער יוניאן אונטער דער אנפיהרערשאפט פון פרעזידענט שלעזינגער אפגעהאלטען א רייהע קאנפערענצען מיט פארטרעטער פון די 3 אסאסיאיישאנס און האבען זיי איבערגעגעבען די פאדערונגען פון דער יוניאן וועגען ענדערונגען אין דעם נייעם אגרימענט. די יוניאן איז ביי די קאנפערענצען געווען פארטראטען פון פרעזידענט בענדזשאמין שלעזינגער, דזשענעראל סעקרעטער טרעזשורער ד. דובינסקי, י. נאגלער, דזשענעראל מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד, פיליפ אנסעל און מ. י. אשביז, טשערמאן און סעקרעטער פון דזשאינט באארד, ר. צוקערמאן, טשערמאן פון באארד אוו דירעקטארס. אין דער קאמיטע זיינען אויך געווען די מענעדזשערס פון די קלאוק לאקאלען, ליווי, רובין, קוירצמאן, פערלמוטער, העלער, פרימעד, ברעסלאו, נינפא און ראזענבלאט און די דיסטריקט מענעדזשערס מאזער, לעפקאוויץ, סלוצקי, פריד און רעסטי.

פאלגענדע פאדערונגען זיינען איבערגעגעבען געווארען צו די אסאסיאיישאנס:

•

די פאדערונגען צום „אינדאסטריעל קאונסיל".

1) אויב א באלעבאס, א מיטגליד פון דעם קאונסיל, באשעפטיגט קאנטראקטארס אדער סאב-מאנופעקטשורערס, זאלען אט די קאנטראקטארס און סאב-מאנופעקטשורערס ארבייטען בלויז פאר איהם, און דער באלעבאס, דער מיטגליד פון דעם קאונסיל, זאל זיין פאראנטווארטליך פאר די באדינגונגען אין זיינע שעפער און זאל אויך זיין פאראנטווארטליך, אז די קאנטראקטארס און סאב-מאנופעקטשורערס זאלען געהעריג דורכפיהרען זייערע אגרימענטס — פונקט ווי אין זיין אייגענעם „אינסייד" שאפ.

קיין מיטגליד פון דעם קאונסיל זאל ניט באשעפטיגען א גרעסערע צאהל קאנטראקטארס אדער סאב-מאנופעקטשורערס ווי ער קען אנהאלטען, אז זיי זאלען ארבייטען פול טאים", און קיין מיטגליד פון דעם קאונסיל זאל ניט ארויסגעבען ארבייט צו א נייעם קאנטראקטאר אדער סאב-מאנופעקטשורער אזוי לאנג ווי זיינע שטענדיגע קאנטראקטארס האבען ניט די גאנצע ארבייט וואס זיי קאנען מאכען.

קיין מיטגליד פון דעם קאונסיל זאל ניט טארען ארויסשיקען ארבייט צו קאנטראקטארס אדער סאב-מאנופעקטשורערס אויב ער באשעפטיגט ניט א מינימום פון 14 מאשין אפערייטארס מיט אלע אנדערע נויטיגע ארבייטער, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר א „סעט" און אויך ניט אויב די ראזינע ארבייטער ארבייטען ניט „פול טאים".

מיטגלידער פון דעם קאונסיל, וועלכע מען כאפט פארלעצען דעם אויבען דערמאנטען פונקט זאלען מוזען באצאהלען זייערע „אינסייד" ארבייטער דאס גאנצע געלט, וואס די אויבען דערמאנטע פארלעצונג האט געקאסט די ארבייטער.

2) דער צעהן פראצענט רעארגאניזאציע פונקט, וואס געפינט זיך אין דעם איצטיגען אגרימענט זאל אינגאנצען אויסגעשטראכען און באזייטיגט ווערען.

3) ווידזשעס פון וועלכען עס איז ארבייטער וועלכער קריגט מעהר ווי דער מינימום לויט דעם איצטיגען אגרימענט — זאל ניט רעדוצירט ווערען; און ווידזשהעכערונגען, וועלכע וועלען געקראגען ווערען דורך דער צייט פון דעם פארגעשלאגענעם אגרימענט זאלען בלייבען אין קראפט ביז דער אגרימענט ענדיגט זיך.

4) אלע ארבייטער, וועלכע ווערען באשעפטיגט ביי באלעבאטים, מיטגלידער פון קאונסיל אין דער צייט ווען דער נייער אגרימענט ווערט געשלאסען זאלען באטראכט ווערען אלס שטענדיגע ארבייטער, די וועלכע וועלען שפעטער אריינגענומען ווערען זאלען באטראכט ווערען אלס שטענדיגע רעגולערע ארבייטער פונ'ם שאפ נאך א פראבע צייט פון איין וואך.

5) אלע סכסוכים צווישען די צוויי צדדים וועגען קאמפליינטס פון ארבייטער, אז זיי זיינען אומגערעכט אוועקגעשיקט געווארען, זאלען פאראהאנדעלט ווערען פריהער פון אלע אנדערע סכסוכים און דער אורטייל מוז ארויסגעגעבען ווערען אין 48 שעה נאכדעם ווי די קלאגע איז איבערגעגעבען געווארען שריפטליך, א חוץ ווען די צייט ווערט פארלענגערט מיט דער איינשטימונג פון ביידע צדדים. אויב אן אורטייל ווערט ניט ארויסגעגעבען אין דער אויבען דערמאנטער צייט, מוז יעדער ארבייטער א חוץ דער, וועלכער איז אוועקגעשיקט געווארען צוליב „מיסקאנדאקט" פארגיטיגט ווערען פולשטענדיג פאר זיין פארלוירענע צייט, אפגעזעהן וואס די אנטגילטיגע אנטשיידונג זאל שפעטער ניט זיין.

6) אויב א מיטגליד פון דעם קאונסיל פארלעצט די פארשריפטען פון דעם אגרימענט אין באצוג צו וואך-ארבייט, פאר ארויסשיקען ארבייט צו ניט יוניאן שעפער אדער ברעכט דעם אגרימענט אויף וועלכען עס איז אנדערען אופן, זאל ער, ווען ער ווערט פאראורטיילט צום ערשטען מאל, מוזען באצאהלען שטראף א סומע געלט וועלכע זאל מיט זיך פארשטעלען דעם פראפיט, וואס ער האט געמאכט דורך דער אויבען דערמאנטער פארלעצונג, א חוץ אויך א באשטימטע שטראף. אויב ער ווערט געפונען שולדיג א צווייטען מאל, זאל ער מוזען ארויסגעווארפען ווערען פון דעם קאונסיל, א חוץ ווען די יוניאן שטימט איין אויף אן אנדער פארם פון שטראף.

1) אלע אנטשיידונגען אויף וועלכע די פארשטעהער פון די צוויי צדדים אייניגען זיך מוזען דורכגעפיהרט ווערען אין 24 שעה. אויב א מיטגליד פון קאונסיל פירט ניט דורך דעם אורטייל אויף וועלכען מען האט זיך געאייניגט, זאל ער אויטאמאטיש פארלירען אלע רעכטע און פריווילעגיעס פונ'ם אגרימענט און די יוניאן זאל האבען דאס רעכט צו האנדלען געגען איהם, און צווינגען איהם צו געבען די ארבייטער זייער רעכט.

8) קיין ארבייט זאל ניט ערלויבט ווערען אום שבת — אין קיין צייט. אין צייט פון ארבייטסלאזיקייט זאל די יוניאן אויך האבען דאס רעכט ניט צו ערלויבען קיין אווערטיים ארבייט, אויך אין צייטען ווען אווערטיים ארבייט ווערט ערלויבט אין נארמאלע צייטען אונטער דיזען אגרימענט.

9) אויף דער אויפפאדערונג פון דער יוניאן זאל דער אומפארטייאישער טשערמאן אדער זיינע אקאונטענטס מעגען עקזאמינירען ביכער פון וועלכען עס איז מיטגליד פון דעם קאונסיל פאד'ן צוועק צו אונטערזוכען די באדינגונגען אין דעם שאפ און פאר'ן צוועק צו באשטימען צו די פונקטען פון דעם אגרימענט ווערען געהעריג דורכגעפירט.

10) דער פונקט אין דעם אלטען אגרימענט זאל געענדערט ווערען אזוי, אז די יוניאן זאל האבען 10 טעג אנשטאט 5 צו פראטעסטירען אויב אן אומגעווינשטער באלעבאס ווערט אריינגענומען אלס א מיטגליד פון דעם קאונסיל.

11) קיין מיטגליד פון דעם קאונסיל זאל דורך דער צייט פון דעם נייעם אגרימענט ניט טארען אויפגעבען זיין אינסייד

מאס אנשטרענגונג און אזוי פיל פאראנטווארטליכקייט.

א רעכט ביסעל צייט פון די זיצונגען פון דעם מיטינג האט פארנומען דער לעצטער דרעסמאכער סטרייק, ווייל די דרעסמאכער יוניאן און איהרע קאמפען פארנעמען א גאנץ וויכטיגען פלאץ אין דעם באריכט צו דער קאנווענשאן.

די קלאוקמאכער סיטואציע אין ניו יארק און די קאנפערענצען מיט די קלאוק מאנופעקטשורער איז געווען א באזונדערס וויכטיגער פונקט פון דעם מיטינג. אבער אלץ וואס עס האט געקענט געזאגט ווערען איז, אז מען דארף זיך שטארק צוגרייטען, ווייל ווי עס זעהט אויס שמעקט עס מיט מלחמה.

דער פערטעל יעהרליכער מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין וואשינגטאן

בער דער איינפיהרונג פון שטיק־ארבייט האט זיך געשאפען א לאגע, אז די ארבײטער פון די פארשידענע פאכען רייסען זיך ארום צווישען זיך פאר א פעני, אנשטאט זיי זאלען זיך אלע צוזאמען ארומרייסען מיט די באלעבאטים. דארום האט זיך איינגעשמועלט א סיסטעם, אז די יוניאן באשטימט פריהער מיט'ן באלעבאס וויפיל עס דארף איהם קאסטען ארבייטס־געלט פאר'ן גאנצען גארמענט און ערשט נאכדעם צוטיילט מען די סומע צווישען די פארשיידענע פאכען און אפטיילונגען. נו, קוקט יעדער ארבײטער אויס'ן צווייטען ווי אויף דעם שולדיגען דערפאר וואס ער פארדינט נים. טענה'ן די אפעריטארס און די שניידער, אז די פרעסער נעמען אראפ די „שמאנט" דערפאר ווייל זיי ארבייטען פון וואך און מען קען דעריבער ביי זיי נים אזוי אפט ארונטערשניידען פון די פארדינסטען. טענה'ן די באטאנהאל מאכער, לאפעל מאכער און די טוירנערס, אז מען וויל אוועקנעמען ביי זיי די אויסנאמיע, כדי מען זאל קענען ארונטערנעמען פון זייערע פרייזען און עפעס אפגעבען די ארבייטער פון די אנדערע פאכען. דער רעזולטאט איז: קנאה־שנאה צווישען דער ארבייטערשאפט — און אויסגעצייכנעטער באדען פאר פאליטיק צווישען די פיהרער.

עס ווינען שוין פילע מאל געמאכט געווארען פארזוכען צו שאפען הארמאניע צווישען די לאקאלען. לעצטע וואך איז אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פון אלע עקזעקוטיווס פון די שניידער לאקאלען אין ניו יארק און מען האט זיך געאייניגט אויף א פאר וויכטיגע פארערונגען. הלואי זאל דער איצטיגער פארזוך בעסער געלינגען ווי די פריהערדיגע. ווען די לאקאלען וועלען זיך אויפהערען ארומרייסען צווישען זיך, וועט די לאגע פון די שניידער זיכער פארבעסערט ווערען.

די פאקעטבוך מאכער יוניאן שטעהט ערב א ביטערען קאמף מיט די באלעבאטים. עס שיינט, אז די באסעס פון דעם טרייד, אונטער דער פיהרערשאפט פון א געוועזענעם מענעדזשער פון יענער יוניאן, זוכען אויסצונוצען די איצטיגע שווערע צייט צו ברעכען די יוניאן און איינפיהרען אפען שאפ.

די באסעס האבען פארלאנגט, אז די יוניאן זאל זיי ערלויבען שניידען די שכירות פון די ארבייטער מיט 15 פראצענט אין מיטען טערמין. די יוניאן איז גרייט געווען נאכצוגעבען א פארקלענערונג פון 10 פראצענט אויף די שכירות אויב די אסאסיאיישאן וועט באנייען דעם אגרימענט אויף נאך א יאהר. דאס האבען זיך די באסעס אנטזאגט. פילע פון זיי האבען זיך גענומען שניידען ווידזשעס נים פרעגענדיג די יוניאן.

די יוניאן גרייט זיך צום קאמף. אלס אנפאנג האט די יוניאן זיך גענומען צו די פארביסענע אפען שעפער אין טרייד און פיהרט און סטרייקס.

אין דער תוצאה פון די פאקעטבוך בא־

(שלוס אויף זייט 17)

עס איז געווען א ערב קאנווענשאן מיטינג און די הויפט אויפגאבע פון דעם מיטינג איז געווען אויסצופיהרען דעם צוגעגרייטען באריכט צו דער קאנווענשאן, איהם צו דיסקוטירען און צו מאכען אין איהם אויסבעסערונגען, וואו עס איז נויטיג.

פאר אזא מיטינג איז וואשינגטאן געווען די ריכטיגע שטאדט. ווען מען פרובירט אזא מיטינג האלטען אין ניו יארק וואלט מען איהם ביז דער קאנווענשאן אפילו נים פארענדיגט. אין ניו יארק וואלטען זיכער געקומען צו דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו מיטינג א פאר צעהנדליג קאמיטעס מיט פארשידענע פראגען און מען וואלט געמוזט פארטעמען די צייט מיט אלץ אין דער וועלט, אבער נים מיט דעם באריכט צו דער קאנווענשאן. ניו יארק טויג אין אלגעמיין נים פאר אזעלכע מיטינגען. אין ניו יארק האט מען קיין צייט נים און קיין געדולד נים צו זיצען עטלאכע טעג נאך דער רייהע אויף א מיטינג. אין וואשינגטאן אבער, מוז מען זיצען און מען מוז האבען געדולד. און מען דארף האבען נאר א סך געדולד צו אזא ארבייט ווי זיצען עטלאכע טעג כסדר און לייענען ווארט ביי ווארט א לאנגען באריכט און דיסקוטירען כמעט יעדען זאץ. און עס דיסקוטירען נים צוויי אדער דריי — נאר פופצעהן, און יעדער האט וואס צו זאגען און ווי אויסצובעסערען. אבער א דאנק דער שטילער רוהיגער וואשינגטאן און נים ווייניגער א דאנק דעם שלעכטען וועטער און דעם רעגען וואס האט אנגעהאלטען כמעט די גאנצע צייט פון די זיצונגען, איז מען מיט דעם באריכט פארטיג געווארען אין צייט.

א גאנץ הייסע דיסקוסיע האט ארויסגערופען דער טייל פון באריכט וועגען דעם פינאנציעלען צושטאנד פון דער אינטערנעשאנעל און די רעפארמען, וואס ווערען אין איהם פארגעשלאגען, ווי אזוי דער אפיס פון דער אינטערנעשאנעל זאל קענען בעסער קאנטראלירען די צאהלונגען, וואס ער דארף קריגען פון די לאקאלס.

ברודער דובינסקי, סעקרעטער־טרעזשורער, האט נעמליך באהויפטעט, אז מאנכע לאקאלס זיינען אין דעם פרט נאר נים פינקטליך. ער האט דאכט זיך געברויכט א שטארקערען ווארט, און ער האט דעריבער אויסגעארבייט א סיסטעם, לויט וועלכען דער אפיס פון דער אינטערנעשאנעל זאל קענען זיין פארזיכערט צו קריגען דאס, וואס עס קומט איהם פון די לאקאלס און דערביי האט ער אויך געפאדערט, אז דער אפיס פון דער אינטערנעשאנעל זאל קריגען א גערעכטערען טייל, עס מיינט א גרעסערען טייל פון די איינטריטס־געלדער וואס עס צאהלען איין אלט־נייע מיטגלידער, ווען זיי קומען אריין אין דער יוניאן. עס הייסט אזעלכע, וואס זיינען ארויסגעפאלען פון דער יוניאן צוליב נים צאהלען דיוס פאר א לענגערער צייט, ווי עס איז ערלויבט, און זיי זיינען צוריק געווארען מיטגלידער פון דער יוניאן נים דורך באצאהלען די דיוס, וואס עס קומט פון זיי, נאר דורך באצאהלען זייער איינטריטס־געלד. ברודער דובינסקי האט אנגעוויזען, אז אט דורך די סיסטעם פון די לאקאלס, לויט וועלכער ארויסגעפאלענע מיטגלידער ווערען אריינגענומען צוריק אין דער יוניאן דורך צאהלען נייע איינטריטס־געלד און נים דורך באצאהלען זייערע דיוס, וואס זיי זיינען געבליבען שולדיג, ליידט דער אפיס פון דער אינטערנעשאנעל גאנץ באדייטענדע פארלוסטען.

די דיסקוסיע וועגען דעם פונקט, ווי שוין געזאגט, איז געווען א גאנץ הייסע, אבער דער פונקט איז מיט א קליינער ענדערונג אנגענומען געווארען.

עס האט זיך אויך אנטוויקעלט א וואַרימע דיסקוסיע וועגען דעם קאפיטעל גררפען און קלובס אין דער יוניאן, אבער זי האט זיך נים לאנג פארצויגען. מען האט באצייטענס איינגעזעהען, אז דער מיטינג וועט סאי ווי סאי נים אננעמען קיין באַשלוס וועגען דער פראגע, ווייל צווישען די מיטגלידער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע עקזיסטירט נים קיין איינהייטליכע מיינונג וועגען אט דער פראגע. דאס האט מען גלייך געזעהן ווי די דיסקוסיע האט זיך אנגעפאנגען, איז עס דעריבער געבליבען, אז די פראגע זאל בלייבען אפען און מען זאל מיט איהר קיין צופיל צייט נים פארנעמען אויף דעם מיטינג.

די ערקלערונג פון פרעזידענט שלעזינגער, אז ער וועט מעהר נים זיין קיין קאנדידאט פאר דעם פרעזידענט־אמט אין דער אינטערנעשאנעל, איז געווען א גאנץ אומגענעמע איבערראשונג פאר דער דזשענעראל עקזעקוטיווע און האט אריינגעבראכט א געוויסע צעדרודערונג אויף דעם מיטינג. א קאמיטע איז גלייך באשטימט געווארען זיך דורכצוריידען מיט פרעזידענט שלעזינגער פריוואט. עס הייסט א קאמיטע, וואס זאל זוכען צו בעאיינפלוסען פרעזידענט שלעזינגער, אז ער זאל ווייטער פארבלייבען מיט דער יוניאן, אבער די קאמיטע האט נים געקענט באריכטען, אז זי האט געהאט ערפאלג אין איהר מיסיע. פרעזידענט שלעזינגער האט ערקלערט, אז זיין געזונדס־צושטאנד ערלויבט איהם נים מעהר אנצוהאלטען דעם שווערען אמט אין דער יוניאן, וועלכער פארערט אזא גרויסע

טשערמאַן אָדער זיינע אַקאַונטענטס צו
יעדער צייט.

6) זאָל אַ מיטגליד פון דער אַסאָסיאיי־
שאַן געפונען ווערען שולדיג אין איבערטרע־
טען די פאַרשריפטען פון דעם אַגרימענט,
אין וועלכען עס איז פונקט, זאָל ער, פאַר׳ן
ערשטען מאָל באַשטראָפט ווערען צו באַ־
צאָהלען שאַדענערזאַץ אַ סומע גרויס גענוג
אוועקצונעמען פון איהם די פראָפיטען וואָס
ער האָט געמאַכט דורך איבערטרעטען דעם
אַגרימענט, צוזאַמען מיט אַ נעהעריגע
שטראָף. די סומע שאַדענערזאַץ און
שטראָף וואָס ער דאַרף צאָהלען זאָל באַ־
שטימט ווערען אין איינקלאַנג מיט די פאַר־
שריפטען אין דעם אַגרימענט, וועגען אויס־
גלייכען סכסוכים. די שטראָף געלט און
שאַדענערזאַץ זאָל אוועקגעגעבען ווערען צום
אָרגאַניזאַציאָנס־פאָנד פון דער יוניאָן אָדער
אין אַ פאָנד וואָס וועט אויפגעהאַלטען ווע־
רען אין דער אינדוסטריע צו מאַכען אונ־
טערזוכונגען לויט ווי נערעכטיגקייט וועט
פאָדערען אין יעדען פאַל.

ווען דער זעלבער פאַרברעכען ווערט
באַגאַנגען אַ צווייטען מאָל, זאָל דער מעמ־
בער אויסגעשלאָסען ווערען פון דער אַסאָ־
סיאיישאַן, סיידען די יוניאָן שטימט איין
צו אַן אַנדער שטראָף.

7) אַלע ענטשיידונגען אויף וועלכע עס
האָבען זיך נעאייניגט די מענעדזשערס פון
ביידע צדדים, זייערע געהילפען אָדער וועל־
כע איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון אימ־
פאַרשיעל טשערמאַן, זאָלען אויסגעפאָלגט
ווערען אין 24 שטונדען צייט. זאָל וועל־
כער עס איז מעמבער פון דער אַסאָסיאיי־
שאַן פאַרפעהלען דורכצופיהרען די ענטשיי־
דונג אין דער צייט זאָל ער אויטאָמאַטיש
פאַרלירען אַלע רעכטען און פריווילעגיעס
אונטער דעם אַגרימענט און די יוניאָן זאָל
זיין פריי צו נעמען די שריט וואָס זי וועט
געפינען פאַר נויטיג צו באַשיצען די רעכ־
טען פון די אַרבייטער.

באלד נאָכדעם ווי עס וועט אריין אין
קראַפט דער נייער אַגרימענט זאָל ווידער
איינגעפיהרט ווערען אין דער אינדוסטריע
אַן אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונג פאָנד פאַר
דעם נוצען פון די אַרבייטער. דער פאָנד
זאָל געפיהרט און אויפגעהאַלטען ווערען
אין דער זעלבער פאָרמע און אונטער די
זעלבע רולס, ווי עס האָט געאַרבייט דער
אַרבייטסלאָזער פאַרזיכערונגס פאָנד אין דער
צייט וואָס עס האָט עקזיסטירט אין דער
קלאָוק און סוט אינדוסטריע, אויסער וואָס
די בייסטייערונגען צום פאָנד זאָלען גע־
צאָהלט ווערען אויסשליסליך ['ון] פון די באַלע־
באַטים, איינגעשלאָסען די דזשאַבערס, און
זאָל באַטרעפען 3 פראָצענט פון דעם גאַנ־
צען וועכענטליכען פעי־ראָל אין יעדען שאַפּ.

די בייסטייערונגען און פאַרפליכטונגען
פון אַסאָסיאיישאַן מיטגלידער צו דעם אַר־
בייטסלאָזען אינשורענס פאָנד זאָלען זיין
לויט ווי עס וועט איינגעשטעלט ווערען
צווישען אַלע צדדים צו דעם קאָלעקטיווען
אַגרימענט אין דער אינדוסטריע, אָדער אויב
די צדדים וועלען זיך ניט קענען אייניגען —
דורך אַן ענטשיידונג פון דעם אימפאַרשעל
טשערמאַן.

•

פאָדערונגען צו די סאַב-מאַנופעקטשו־רערס און קאָנטראַקטאָרס

די יוניאָן גלויבט, אַז די אינטערעסען
פון אונזער אינדוסטריע פאָדערט אַז יעדע
אַסאָסיאיישאַן פון באַלעבאַטים זאָל אריינ־
נעמען מעמבערס בלויז פון אַ באַשטימטען
סאָרט — אינסיידערס, קאָנטראַקטאָרס אָדער
דזשאַבערס, און אַז די „אַמעריקען אַסאָ־
סיאיישאַן" זאָל, אין איינקלאַנג דערמיט,
אריינגעמען אַלס מעמבערס בלויז קאָנטראַק־
טאָרס און סאַב מאַנופעקטשורערס. אַזוי
לאַנג אָבער ווי אין דער „אַמעריקען אַסאָ־
סיאיישאַן" באַלאַנגען אויך אינסייד מאַנו־
פעקטשורערס, פאָדערט די יוניאָן צו באַגרע־
נעצען די צאָהל קאָנטראַקטאָרס אָדער סאַב־
מאַנופעקטשורערס וואָס אַ מיטגליד פון דער
„אַמעריקען אַסאָסיאיישאַן" מעג באַשעפטי־
גען, פונקט ווי דאָס ווערט געפאָדערט פון
די דזשאַבערס און אינסייד מאַנופעקטשו־
רערס.

די פונקטען וועגען אָפּשאַפען די צעהן
פראָצענט רעאָרגאַניזיישאַן און באַשטימטע
שטראָפען פאַר פאַרברעכען נעגען דעם
אַגרימענט זיינען די זעלבע ווי די פונקטען
אין אַגרימענט מיט׳ן אינדאַסטריעל קאָונ־
סיל, אויסער דעם פונקט וועגען סעקיוריטי
וועלכער לעזט זיך ווי פאָלגט:

„די געלט וואָס ווערט איינגענומען אַלס
שאַדענערזאַץ און שטראָף, פאַר איבערטרע־
טען די פאַרשריפטען פון דיזען אַגרימענט,
דורך ארויסגעבען אַרבייט אין ניט יוניאָן
שעפער זאָל איינגעצאָהלט ווערען אין דעם
פאָנד וואָס ווערט אָנגעהאַלטען אין דער
אינדוסטריע מיט׳ן צוועק צו מאַכען אונ־
טערזוכונגען. אַלע אַנדערע געלדער פאַר
שאַדען־ערזאַץ און שטראָפען זאָלען איבער־
געגעבען ווערען צו דער יוניאָן. אַלס פאַר־
זיכערונג אַז אַזוינע שטראָפען און שאַדען־
ערזאַץ וועט באַצאָהלט ווערען — ווען אַ
מעמבער וועט פאַר׳משפט ווערען צו באַ־
צאָהלען — שטימט די אַסאָסיאיישאַן איין
צו נעמען פון יעדען פון איהרע מעמבערס
אַ דעפּאָזיט פון 250 דאָלאַר און די אַסאָ־
סיאיישאַן זאָל זיין פאַראַנטוואָרטליך צו
דער יוניאָן צו באַצאָהלען אַזוינע שטראָ־
פען און שאַדען-ערזאַץ פאַר יעדען פון איה־
רע מיטגלידער ביז דער אויבען־דערמאָנטער
סומע."

אַלע אַנדערע פאָדערונגען זיינען אין
דעם אַגרימענט מיט דער „אַמעריקען אַסאָ־
סיאיישאַן" די זעלבע ווי אין די אַגרימענטס
מיט די אַנדערע צוויי אַסאָסיאיישאַנס,
אויסער דער פונקט וועגען אריינגעמען נייע
מעמבערס. פון דער אַמעריקען אַסאָסיאיי־
שאַן פאָדערט די יוניאָן אַז אידער זי נעמט
אריין אַ נייעם מעמבער, זאָל זי שריפטליך
וועגען דעם מעלדען דער יוניאָן. דער אַפּ־
ליקאַנט זאָל ניט אריינגענומען ווערען אַלס
מיטגליד אין דער אַסאָסיאיישאַן סיידען די
יוניאָן וועט דעם אַפּליקיישאַן גוטהייסען
און צושטימען אַז די פירמע זאָל אריינגע־
נומען ווערען אין דער אַסאָסיאיישאַן אַלס
מיטגליד.

געשעהענישען אין אונזערע נאָהענטע קרייזען

(שלוס פון זייט 14)

סעס זיינען אַ היבש ביסעל שולדיג די אַרבי־
טער אַליין. פאַרהעלטניסמעסיג קליין, ווי
די פּאַקעט בוק מאַכער יוניאָן איז, זיינען
די אַרבייטער צושפּאָלטען אין אַ צעהנדליג
גרופּען און קלאַבס, וועלכע זיינען מעהר
פאַרטאָן מיט באַקעמפען איינע די אַנדערע,
ווי מיט קעמפען אַלע צוזאַמען מיט די באַ־
לעבאַטים. די באָסעס ווייסען עס און זיי
רעכענען דעריבער, אַז די צייט איז פאַר זיי
גינסטיג צו פאַרניכטען די יוניאָן. לאָמיר
האָפען, אַז דאָס מאָל האָבען זיי זיך אָפּגע־
נאַרט. די חוצפה און אָנגריף פון די באַ־
סעס האָט שוין געהאָלפען טיילווייז איינצו־
שטילען דעם אינערליכען קאַמף צווישען די
גרופּען. מיר גלויבען, אַז דער פאַרזוך פון
די באַלעבאַטים צו ברעכען די יוניאָן וועט
פאַראייניגען אַלע פּאַקעטבוך מאַכער און
אויסשמידען פון זיי איין מעכטיגע אַרמיי.
ווען דאָס וועט געשעהן, וועלען די באָסעס
מיט זייער אָנגריף האָבען געטאָן די גרעסטע
טובה די אַרבייטער. אַ פאַראייניגטע פּאַקעט־
בוך מאַכער יוניאָן מיט דער שטיצע פון דער
גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג וועלען די באַ־
סעס ניט קענען ברעכען און ניט באַזיגען.

סימפּאַטיע־רעזאָלוציע

ביי אַ שאַפּ מיטינג פון ליבערמאַן בראָ־
דערס, 92 דיוויזשאַן סט., ניו יאָרק, מיט־
וואָך דעם 13טען אַפּריל, 1932, האָט אונ־
זער ביזנעס אייידזשענט, ברודער בערקאָ־
וויצי, פון לאָקאַל 9, אַפּעלירט צו אונז, מיר
זאָלען העלפען די פאַמיליע פון אונזער
קראַנקען מיטאַרבייטער, מאַקס פיין, וועל־
כע געפינט זיך אין זעהר נויטווענדיגע
אומשטענדען, און האָט אונז געגעבען ער־
לויבעניש צו אַרבייטען צוויי שטונדען
אָווערטיים.

די אַרבייטער האָבען זיך פייערליך אָפּ־
גערופען. עס איז זאָפאָרט געזאַמעלט גע־
וואָרען פופציג דאָלאַר. די פירמע ליבערמאַן
בראָדערס האָט אויך בייגעשטייערט אַ
טשעק פון צוואַנציג דאָלאַר.

די 70 דאָלער איז איבערגעגעבען געוואָ־
רען צו אונזער ביזנעס אייידזשענט, ברודער
בערקאָוויצי, פון לאָקאַל 9 איבערצוגעבען
דער פאַמיליע.

מיר האָפען דאָס דיזע סומע וועט עט־
וואָס פאַרלייכטערען די לאַגע פון דער פאַ־
מיליע, אין דיזער צייט, ווען זיי נויטיגען
זיך אין הילף.

די קאָמיטע:

הערי קאָהען, לאָק. 1, טשערמאַן
אייב הערמאַן, לאָק. 10,
מ. וויזעמהער, לאָק. 35,
מונזיא קאַלזאַגנא, לאָק. 48
י. זאָהן, לאָק. 9

שאפ און ווערען א דזשאבער. וועלכער עס איז מיטגליד פון דעם קאונסיל, וועלכער פארלעצט דיזען פונקט זאל זיין פאראנטווארטליך פאר די ווידזשעס פון זיינע ארבייטער, פאר דער גאנצער צייט, וואס דער נייער אגרימענט זאל זיין אין קראפט.

12) גלייך ווי דער באנייטער אגרימענט גהעט אריין אין קראפט, זאל אן ארבייטסלאזער פאנד (אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד) עסטאבלירט ווערען אין דער אינדוסטרי פאר'ן בענעפיט פון די ארבייטער. דער פאנד זאל אנגעהאלטען ווערען און זאל אנגעפיהרט ווערען אין דער פארמע און לויט די סטאטוטען פון דעם עמאליגען ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד — א חוץ וואס די ביישטייערונגען צו דעם פאנד זאלען געצאהלט ווערען בלויז פון די באלעבאטים אין דער סומע פון דריי פראצענט פון דעם אלגעמיינעם וועכענטליכען „פעי־ראל" אין יעדען באשטימטען שאפ.

13) אלע באלעבאטים זאלען מוזען פירען זייערע ביכער וועגען די ווידזשעס וועלכע זיי צאהלען אויס און וועגען ארבייט וואס זיי גיבען ארויס לויט באשטימטע פארשריפטען פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן. אלע די ביכער און רעקארדס זאלען קאנען איבערגעקוקט ווערען פון אומפארטייאישען טשערמאן אדער פון זיינע אקאונטענטס.

14) אויב א מיטגליד פון דעם קאונסיל ווערט געפונען שולדיג אין ניט צאהלען זיינע ארבייטער די געהעריגע באשטימטע ווידזשעס אויף רעגולערע ארבייט פאר אווערטיים אדער ארבייט בשעת ימים־טובים זאל ער מוזען צוריקצאהלען די גאנצע סומע געלט. דאס געלט זאל איבערגעגעבען ווערען צו דער יוניאן, וועלכע זאל עס צוריקגעבען צו די ארבייטער צו וועמען עס געהערט.

15) ארבייטער וועלכע ארבייטען אין קאונסיל שעפער זאלען אין דער „סלעק" צייט, אויב זיי ווילען, קאנען קריגען א „רעלים" צייטווייליג צו פארלאזען דעם שאפ און גיהן ארבייטען אנדערשוואו. דאס דארף געטאן ווערען שריפטליך און אלע צעדדים דארפען דערצו איינשטימען. אויב אזא „רעלים" ווערט אן ארבייטער געגעבען זאל דער באלעבאס ניט טארען אנשטעלען א צווייטען ארבייטער אויף דעם ערשטען ארבייטער'ס פלאץ בעפאר א באדייטענדע צייט איז אריבער און דער קאונסיל מיטגליד האט זיך געווענדעט צו דער יוניאן, אז דער ערשטער ארבייטער זאל צוריקקומען אין שאפ.

16) קיין מיטגליד פון דעם קאונסיל זאל ניט אריינגעהן אין א פארטנערשיפ מיט אן אנדער פירמע אדער זאל פארשמעלצען זיין שאפ מיט אן אנדער שאפ א חוץ ווען די נייע פירמע נעמט איבער אלע פארפליכטונגען צו די ארבייטער פון דער אויפגעגעבענער פירמע. אזא נייע פירמע מוז אנשטעלען די ארבייטער פון די צוויי אלטע פירמעס איידער וועלכע עס איז אנדערע ארבייטער קאנען אנגעשטעלט ווערען.

17) פאר געזעצליכע ימים טובים זאלען די ארבייטער קריגען באצאהלט פאר א פולען טאג — אפגעזעהן צי די ארבייטער האבען געארבייט אין דער וואך ווען דער יום טוב פאלט אויס, צי ניט.

18) סעמפעל מאכער, וועלכע ארבייטען בלויז אויף מאכען סעמפעלס, זאלען מוזען זיין מיטגלידער פון די לאקאלס 3 און 48.

19) אויב א מיטגליד פון דעם קאונסיל אדער זיין פארמאן ארבייטען אלס קאטערס זאל די ערשטע שטראף זיין 52 דאלאר, די צווייטע שטראף 104 דאלאר און אויב מען כאפט איהם א דריטען מאל זאל ער אויסגעשלאסען ווערען פונ'ם קאונסיל. יעדער מיטגליד פון קאונסיל מוז באשעפטיגען אם ווייניגסטענס איין קאטער.

20) אין שעפער וואו בייסטינג מאשינען און אנדערע „לייבאר סייווינג" איינריכטונגען פאר פינישינג ווערען באנוצט, זאלען די ווידזשעס און די ארבייטס־שטונדען פון די ארבייטער, וועלכע ארבייטען מיט די דאזיגע מאשינען באשטימט ווערען צווישען דער יוניאן און דעם קאונסיל אויף א באזיס, וואס זאל אנהאלטען די ארבייטס באדינגונגען פון די דאזיגע ארבייטער אויף א געהעריגער הויך.

21) אין אלע שעפער פון קאונסיל מיטגלידער, וואו פרעסינג מאשינען ווערען באנוצט זאל די ארבייט אויף די דאזיגע מאשינען איינגעטיילט ווערען אין צוויי „שיפטס", אזוי, אז א מאשין־פרעסער זאל ארבייטען בלויז א העלפט צייט און זיינע ווידזשעס זאלען זיין די פולע ווידזשעס פון א האנט פרעסער. די ארבייט פון א מאשין־פרעסער זאל זיין באגרעניצט בלויז צו דער פרעסינג־מאשין.

●

די פאדערונגען צו דער דזשאבערס אסאסיאיישאן

1) אלע סאב מאנופעקטשורערס, וועלכע ארבייטען פאר א מעמבער פון דער אסאסיאיישאן זאלען ארבייטען אויסשליסליך פאר דעם מעמבער און יעדער מעמבער פון דער אסאסיאיישאן זאל זיין פאראנטווארטליך פאר'ן אויפהאלטען ארבייטס־באדינגונגען אין שאפ פון דעם סאב־מאנופעקטשורער וואס ער באשעפטיגט און פאר זיין אפהיטען אלע אנדערע פונקטען פון אגרימענט.

קיין מיטגליד פון דער אסאסיאיישאן זאל ניט באשעפטיגען אדער האנדלען מיט א גרעסערע צאהל מאנופעקטשורערס, ווי ער קען באזארגען מיט „פול טיים" ארבייט און זאל נישט ארויסגעבען קיין ארבייט צו א נייעם סאב־מאנופעקטשורער ביז ער האט באזארגט אלע סאב־מאנופעקטשורערס מיט וועלכע ער האנדעלט מיט גענוג מלאכה.

די צאהל סאב־מאנופעקטשורערס וואס א מעמבער פון דער אסאסיאיישן מעג באשעפטיגען, זאל באשטימט ווערען לויט די רעקאמענדאציעס וואס זיינען איינגעשלאסען אין באריכט פון דעם גאווערנאר'ס קאמיסיע, דאטירט דעם 20טען מאי, 1926.

2) אויפ'ן פארלאנג פון דער יוניאן, זאל דער אימפארשעל טשערמאן אדער זיין אקאונטענט אונטערזוכען די ביכער פון וועלכען עס איז מעמבער פון דער אסאסיאיישאן אויסצוגעפינען אויב ער קומט נאך פאלשטענדיג זיינע פארפליכטונגען אונטער'ן אגרימענט.

3) עס ווערט פארשטאנען, אז די „מוירטשענט לוידים גארמענט אסס'ן" באשטעהט בלויז פון דזשאבערס, דאס הייסט, מענשען וועלכע זיינען אין קלאוק און סוט ביזנעס און פראדוצירען ניט קיין קליידער אין זייערע אייגענע פלעצער, נאר קריגען עס געמאכט דורך „מאנופעקטשורערס" אדער „סאב־מאנופעקטשורערס" ווי די טערמינען ווערען פארטייטשט אין דעם אגרימענט.

זאל וועלכער עס איז מעמבער פון דער אסאסיאיישאן, דורך דער צייט וואס דער אגרימענט איז אין קראפט, עפענען אן אינסייד שאפ, זאל ער אויפהערען צו זיין א מיטגליד אין דער דזשאבערס אסאסיאיישאן און שליסען אן אגרימענט מיט דער יוניאן, אינדיווידועל אדער קאלעקטיוו (דורך אנשליסען זיך אן דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן).

קיין מעמבער פון דער דזשאבערס אסאסיאיישאן זאל ניט דירעקט אדער אומדירעקט, באטרייבען אן אייגענע פאבריק, אדער האבען א סאב מאנופעקטשורער אדער קאנטראקטאר אנהאלטען פאר איהם א שאפ אין דעם דזשאבערס פלאץ, אדער אויפהאלטען אן אפיס אדער סעילסרום אין פארבינדונג מיט א קאנטראקטינג אדער סאב־מאנופעקטשורינג שאפ.

קיין מיטגליד פון דער אסאסיאיישאן זאל ניט באשעפטיגען קיין סעמפעל מאכער אדער קאטערס. אלע עקזאמינערס וואס ער באשעפטיגט מוזען זיין גוטשטעהענדע מיטגלידער אין דער יוניאן.

4) די 14טע אפטיילונג פון דעם איציגען אגרימענט זאל געענדערט ווערען אזוי, אז די יוניאן זאל קריגען 10 טעג צייט צו לאזען וויסען דער אסאסיאיישאן אויב עס איז דא א סכסוך מיט איינעם וואס וויל ווערען א מעמבער פון דער אסאסיאיישאן.

5) עס זאל איינגעפיהרט ווערען אן איינפארמינער בוך און רעקארדס פאר אלע מיטגלידער פון דער אסאסיאיישאן, וואו עס זאל פארשריבען ווערען אלע געשעפטען פון דעם דזשאבער מיט די מאנופעקטשורערס און סאב־מאנופעקטשורערס. דער סארט ביכער זאל ווי ווייט מעגליך איינגעפיהרט ווערען אין דער גאנצער אינדוסטריע. די פארמע פון די ביכער און רעקארדס זאל אויסגעארבייט ווערען פון אימפארשעל טשערמאן און זאלען זיין אפען צו אונטערזוכען דורך דעם אימפארשעל

יענעמס ווארע מוזען זיי אויך קויפען בלויז אין יוניאן שעפער.

2) דזשאבערס וואס באשעפטיגען קאַטערס און סעמפעל מאכער.

די טענה פון די דזשאבערס איז געווען, אז ווען א דזשאבער וויל האבען אייגענע סטיילס, מעג ער האלטען סעמפעל מאכער און קאטערס. אזוי ווי דער אגרימענט פארבאט אזא זאך, סיידען א דזשאבער איז צופרידען צו האבען א פולען אינסייד שאפ לויט די באדינגונגען פון אגרימענט, איז די קייס געבראכט געווארען צום אומפּארטייאישען טשערמאן און, נאטירליך, האַבען מיר די קייס געוואונען.

3) די פראגע פון דער 14 מאשינען־שאפ.

אונזער אגרימענט שטעלט פעסט אז א יוניאן שאפ, מיינט אזא שאפ וואס באַשעפטיגט 14 מאשין אפרייטארס און א פּראפּארציאנעלע צאהל פון די אנדערע קרעפטס (פאכען). בעלי בתים האבען זיך אבער געמאכט א מארע, אנצוהאלטען א קליינעם אינסייד שאפ און ארויסשיקען די גאנצע ארבייט אויטסייד, אפטמאל אויף אזא מאסשטאב, אז די קליינע צאהל וואס זיי באשעפטיגען יא, קריגען אויך ניט גענוג ארבייט. בר. י. נאגלער האט געבראכט אזא טעסט־קייס צום אומפּארטייאישען טשערמאן און האט געקראגען אן ענטשיידונג, אז קיין שאפ זאל ניט קענען ארויסשיקען קיין ארבייט אויב עס ווערען אינסייד ניט באשעפטיגען קיין 14 מאשינען, ווי עס לויטעט דער אגרימענט. דיזע ענטשיידונג גיט דער יוניאן דאס רעכט אין יעדען פאל וואו א פירמע שיקט ארויס ארבייט, צו פאדערען אז דער אינסייד שאפ זאל פארגרעסערט ווערען ביז צו 14 מאשין אפערייטארס. הגם דיזער פונקט האט פארלויפיג צוליב דעם קריזיס צושטאנד אין אונזער אינדוסטריע, ניט געקענט ווי געהעריג אויסגענוצט ווערען פון דער יוניאן, איז אבער קיין שום ספק ניט, אז דיזע ענטשיידונג איז פון זייער גרויסער באַדייטונג.

4) שיקען ארבייט צו קאנטראקטארס וואס געפינען זיך ניט אויפן יוניאן ליסט.

דיזע פראגע איז אויך פון גרויסער וויכטיגקייט פאר דער יוניאן, ווייל די אסאַסיאיישאן האט גע'טענה'ט אז ווען א שאפ האט נאר אן אגרימענט מיט א לאקאל פון אונזער אינטערנעשאנעל, מעג שוין א מאַנופעקטשורער אהין שיקען ארבייט. דער אומפּארטייאישער טשערמאן האט ענטשידען אז מען קען נאר שיקען ארבייט אין יענע שעפער וואס האבען אן אגרימענט מיט דעם קלאוק דזשאינט באארד.

5) מאנופעקטשורערס וואס ווערען דזשאַבערס מיט ניט עהרליכע אבזיכטען.

אזעלכע קייסעס זיינען געווען 3, פון מאנופעקטשורערס וואס האבען אויפגעגעבען די שעפער און געווארען דזשאבערס אויף אזא אופן וואס האט פעסטגעשטעלט זייערע ניט עהרליכע אבזיכטען. דער אגרימענט און די ענטשיידונגען פון אומפּארטייאישען טשערמאן האבען שוין פון לאנג באשטימט געוויסע רולס, ווי אזוי און ווען, א מאנופעקטשורער קען ווערען א דזשאבער. דיזע מאנופעקטשורערס זיינען ניט נאכגעקומען די באשטימטע רולס. דער אומפּארטייאישער טשערמאן האט דעריבער אויף דעם פארלאנג פון דער יוניאן באַשטימט א געוויסע געלט קאמפּענסאציע פאר די ארבייטער; ער האט אויך פעסטגעשטעלט די רולס ווי דיזע פירמעס דארפען זיך אויפפיהרען. נאכדעם ווי די געלט איז אויפגעמאכט געווארען, איז די יוניאן אויך ווייטער געשטאנען אויף דער וואך און האט געכאפט דיזע פירמעס, אז זיי האבען פארבראכען געגען די רולס. אלס רעזולטאט האבען דיזע פירמעס געמוזט צוריק עפענען זייערע אינסייד שעפער און צוריקנעמען זייערע אלטע ארבייטער.

6) דיסקרימינאציעס געגען די אינסייד ארבייטער.

די פראגע צי א פירמע קען ארויסשיקען ארבייט אין דער צייט ווען די ארבייטער פון אינסייד שאפ גייען אום ליידיג, איז אייגענטליך געווען א שוין לאנג געסעטעלטע. די פארטרעטער פון דער אסאסיאיישאן האבען אלעמאל צוגעשטימט אז קיין פירמע טאר אזא זאך ניט טאן. לעצטענס האבען אבער די אסאסיאיישאן פארשטעהער אנגענומען אן אנדער שטעלונג, זיי האבען מעהר ניט געוואלט אָרדערען זייערע פירמעס צו געבען גענוג ארבייט אינסייד איידער זיי קענען ארויסשיקען ארבייט. בר. י. נאגלער האט דעריבער אויפגענומען דיזע פראגע, אין א טעסט־קייס, מיט'ן אומפּארטייאישן טשערמאן, וועלכער, אויסהערענדיג אלע טענות, האט ענטשידען צו גונסטען דער יוניאן.

7) די פראגע פון טרייעל פעריאדע ביי פירמעס, וואס שליסען זיך אן אין אסאסיאיישאן

ווען דער ארגאניזיישאן דעפּארטמענט ארגאניזירט נייע סאב־מאנופעקטשורערס, מוזען דיזע סאב־מאנופעקטשורערס ווערען מעמבערס אין דער „אמעריקען אסאסיאיישאן". אלס כלל ארבייטען אזעלכע שעפער ביז זיי ווערען פון דער יוניאן אפּגעשטעלט, פון שטיק. ווען זיי ווערען ארגאניזירט, ווערען זיי נאטירליך געסעטעלט פון וואך. האט די אסאסיאיישאן געפאַדערט אז אזא פירמע זאל האבען דאס רעכט איבער אנייעס צו אויספּרובירען די ארבייטער איין וואך צייט, אויב די פירמע איז מיט זיי ניט צופרידען, זאל זי קענען אזעלכע ארבייטער ארונטערשיקען. די יוניאן האט עס באטראכט פאר א שרעקליכע עולה; עס קומט אויס, אז נאכדעם ווי ארבייטער האבען, דורך זייער סטרייקען, געמאכט א פירמע אנצושליסען זיך אן דער „אמעריקען אסאסיאיישאן" (דאס הייסט ווערען א יוניאן שאפ) זאלען דיזעלבע ארבייטער נאר זיין אין געפאהר אינגאנצען צו פארלירען זייערע דזשאבס. בר. י. נאגלער האט דארום אויפגענומען א טעסט קייס מיט'ן אומפּארטייאישען טשערמאן, וועלכער האט איינגעזעהען די גערעכטע טענות פון דער יוניאן און האט ענטשידען, אז יעדער ארבייטער וואס איז באשעפטיגט אריבער די צייט פון דעם טרייעל פעריאד, ווען די פירמע איז געווארען א מעמבער אין דער אסאסיאיישאן, קען ניט, לויט די פונקטען פון אונזער אגרימענט, ווערען אוועקגעשיקט אהן א גענוגענדע אורזאכע.

8) ארונטערנעמען שכירות אריבער דעם מינימום סקייל.

דאס איז געווען די וויכטיגסטע און שווערסטע פראגע וואס בר. י. נאגלער האט אויפגענומען מיט'ן אומפּארטייאישען טשערמאן. די אסאסיאיישאן האט אין דיזער קייס געבראכט א סורפּרייז ענטשיידונג פון 1924, וואו אן אומפּארטייאישער טשערמאן האט דאן אין א געוויסען פאל ענטשידען, אז שכירות אריבער דעם מינימום סקייל, קענען רעדוצירט ווערען. עס האט זיך דעריבער געפאדערט פיעל געדולד, לאגיק, לאיערשער טאלאנט און שארפער אנאליז, צו קענען ריכטיג צוגלידערען אלעדינג וואס האט א שייכות מיט דיזער פראגע און איבערצייגען דעם אומפּארטייאישען טשערמאן, ארויסצוטראגען א ענטשיידונג, דאס קיין שום שכירות, אפילו ניט אריבער דעם סקייל, טארען ניט, לויט דעם איצטיגען אגרימענט, ארונטערגענומען ווערען אהן דער צושטימונג פון דער יוניאן.

אחוץ די אויבענדערמאנטע סכסוכים, האט דער אומפּארטייאישער טשערמאן אויך, לויט'ן אגרימענט, אויפגענומען א דירעקטען פארלאנג פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל (די אסאסיאיישאן פון די אינסייד באלעבאטים), אז דער וואך ארבייט פונקט פון אונזער אגרימענט זאל אפגעשאפט ווערען. דאס איז געווען א זעהר ערנסטער סכסוך. ווייל געדענקען דארף מען, אז דורך די לעצטע צוויי יאהר האבען די פארשטעהער פון די ארבייטסגעבער, אויף פארשידענע אופנים, אנגעפירט א כסדר'דיגען קאמף געגען די וואך ארבייט וואס מיר האבען אין קלאוק טרייד. עס איז אבער די פארשטעהער פון דער יוניאן געלונגען איבערצוצייגען דעם אומפּארטייאישען טשערמאן, די אומגערעכטיגקייט פון דיזער באלעבאטישער פאדערונג אזוי גוט ווי די אמת'ע כונות זייערע און דער רעזולטאט איז געווען, אז די יוניאן האט געוואונען.

נאטירליך, דארף קיינער ניט באקומען דעם פאלשען איינדרוק, אז דער קריזיס האט אונז ניט געטאן קיין גרויסען שאדען. גראד קאפויר: מיר האבען שוין גאר א סך געליטען פון דעם קריזיס! דער כאַראקטער פון אונזער טרייד, וואס ווערט דריי פערטעל פראדוצירט דורך דער באַוואוסטער „דזשאבער סאב־מאנופעקטשורערס" סיסטעם, איז אזא, וואס האט געגעבען יענע עלעמענטען וואס פראפיטירען פון דער האלדז־שניידענדער קאנקורענץ

אין דער קלאוקמאכער דזשאינט באארד פון ניו יארק

פון מ. י. אשביז,
סעקרעטאר דזשאינט באארד.

די דריטהאלבען יאר וואס זיינען פאר־לאפען זינט דער לעצטער קאנווענשאן פון אונזער „אינטערנעשאנאל" וואס איז גע־האלטען געווארען אין קליוולאנד, ענדע 1929, זיינען געווען יארען פון פראבע פאר אונזער יוניאן. דורכמאכענדיג אזא לאנגע, שווערע קראנקהייט, וואס האט אויסגעצערט דעם גוף און די נשמה פון אונזער יוניאן; א קראנקהייט, וואס פריינד — מיט פארדרוס און מיט באדויערען, און שונאים — מיט שמחה און נקמה, האבען גערעכענט, אז אונזער יוניאן וועט עס ניט קענען איבערלעבען; האט די קלאוקמאכער יוניאן, א דאנק דעם גענעראל סטרייק וואס איז גערופען געווארען אין יולי, 1929, ענדליך צוריק עטאבלירט יוניאן באדינגונגען אין דער קלאוק אינדוסטריע.

עס איז ווירקליך געווען א תחית המתים אין אונזער יוניאן! פון 500 שע־פער אין 1928, האט די יוניאן נאכ'ן 1929 סטרייק קאנטראלירט ארום 1,600 שעפער — פאקטיש די גאנצע אינדוסט־ריע. די מעמבערשיפ אין לאקאל 1 צום ביישפיל, איז געשטיגען ביז ארום 11,000. אזוי פראפארציאנעל אין אלע לאקאלס. מעמבערס זיינען ווידער אין גרויסע צאלען, געקומען קאמפלעינען און זייערע קאמפלעינטס זיינען צופרידענשטע־לענד אטענדעט געווארען. דיסציפלין איז ווידער איינגעשטעלט געווארען אין טרעיד. די פינאנציעלע לאגע, סיי אין די לאקאלס, סיי אין דזשאינט באארד, איז געווען אויסגעצייכענט. כמעט יעדען שבת איז געווען א חנוכת הבית פייערונג. די לא־קאלס האבען איינער נאכ'ן צווייטען גע־מופט אין גרעסערע, שענערע, באקוועמע־רע אפיסעס, ניי אויסגעשטאטעט — אין איינקלאנג מיט דער נייער לאגע אין דער יוניאן.

איז אבער אין ווייניגער פון דריי מאנ־אטען ארום, אנגעקומען דער גרויסער, לאנגער, שרעקלאכער קריזיס, וואס בושע־וועט כסדר און וועלכען עס נעמט נאך ניט קיין סוף. אנפאנגס האבען אלע עס גענומען לייכט. „עס איז נאר א בערזען שפיל צווישען צוויי קאפיטאליסטישע גרופען: די „אקסען" און די „בערען" — האט מען זיך געטרייסט. בפרט, אז פרע־זידענט הואווער אליין האט פארזיכערט, אז „די פראספעריטי איז ארום די קאר־נער", טא ווי לאנג דארף עס נעמען דער־גרייכען צום קארנער?... אבער, וואס א מאנאט ווייטער, איז אלץ קלערער געווא־רען, אז מיר האבען א ביטערען טעות גע־האט; אז אין אמת'ן מאכען מיר אצינד אדורך דעם גרעסטען, שרעקלאכסטען און לענגסטען קריזיס וואס אונזער היינטיגער דור געדענקט.

אט די אלע פונקטען מוז מען בסדר האבען אין זינען ווען מען ציט א סך הכל פון די לעצטע צוויי און א האלב יאהר ארבייט פון דעם קלאוקמאכערס דזשאינט באארד. דאס ווארפט א ליכט אויף דער גרויסער ווידערשטאנדס־פעהיגקייט פון אונזער יוניאן.

לאמיר אין איינינע קורצע שטריכען גע־בען א כאראקטעריסטיק פון די רוטינע ארבייט פון קלאוקמאכערס דזש. באארד. כדי צו אטענדען די אלע קאמפלעינטס פון די מעמבערס, אזוי גוט ווי פאר די דורכפירונג פון די אלגעמיינע שאפ קאנט־ראלס, ווערען ביים דזשאינט באארד בא־שעפטיגט 38 ביזנעס אגענטען און מע־נעדזשערס. (דאס איז אחוץ די עקסטרא אנגעשטעלטע וואס ווערען אנגעשטעלט ציימווייליג אויף דורכצופיהרען די אר־גאניזיישאן דרייווס). אין דעם הויפט־אפיס פון דזשאינט באארד געפינען זיך 4 ביזנעס דעפארטמענטס און דער ארגאני־זיישאן דעפארטמענט. אחוץ דעם, האט די יוניאן 5 ברענטש אפיסעס: צוויי אין מאנהעטען און 3 אין ברוקלין. די 4 ביז־נעס דעפארטמענטס פון הויפט אפיס זיי־נען: דער „דזשאבערס" דעפארטמענט, פון וועלכען בר. ס. לעפקאוויטץ איז מע־נעדזשער; דער „אינדאסטריעל קאונסיל" דעפארטמענט, פון וועלכען בר. ב. מאזער איז מענעדזשער און די צוויי אפטיילונגען „איי" און „בי" פון דעם „אמעריקען און אינדעפענדענט" דעפארטמענט, וועלכע ווע־רען געמענעדזשט פון די ברידער ה. סלוצ־קי און ל. ראזענבלאט. דער מענעדזשער פון דעם ארגאניזיישאן סטרייק דעפארט־מענט איז בר. ה. פריער.

די 2 ברענטש אפיסעס אין מאנהעטען זיינען: איינער „דאון טאון", מיט בר. ב. דעסטי אלס מענעדזשער און דער צוויי־טער איז אין הארלעם, וואו בר. מ. מארי־קאנדא איז דער מענעדזשער.

די דריי ברוקלינער אפיסעס זיינען: אין וויליאמסבורג, וואו בר. טש. קאראטע־נוטא איז מענעדזשער; בארא פארק, וואו בר. א. קאטאני איז דער מענעדזשער, און בראנזוויל, אין וועלכען אפיס בר. מ. גאל־דאווסקי איז מענעדזשער.

די אלע דעפארטמענטס האבען, זינט דעם 1929 סטרייק, לויט דעם באריכט וואס דער דזשענעראל מענעדזשער בר. י. נאג־לער האט אפגעגעבען אין דעצעמבער 1931, אויפגעפאסט אויף איבער 1350 שעפער וואס געפינען זיך אין די באטרעפענדע דיסטריקטען. (ארום 250 שעפער זיינען ארויס אינגאנצען פון ביזנעס דורכ'ן קרי־זיס). דורך דעם משך פון 28 מאנאטען, זינט דעם 1929 סטרייק, האבען זיי אטענ־דעט צו 17,331 קאמפלעינטס און האבען אויך דורכגעפיהרט 12,368 שאפ־קאנטראלס. צוזאמען איז די צאהל גענויע 30,000.

שכירות פאר ארבייטער איז דורך דיזע 28 מאנאטען אויפגעמאנט געווארען די סומע פון 112,000 דאלאר און 95,000 דא־לאר איז אויפגעמאנט געווארען אין „בעק־פעי" וואס בעלי בתים האבען ניט באצאלט לויט די באדינגונגען פון אונזער אגרימענט. צוזאמען באטרעפט דיזע סומע 207,000 דאלאר.

ווען מען בארעכענט אז אחוץ די 95,000 דאלאר „בעק־פעי", וואס עס איז אויפגע־מאנט געווארען פאר די ארבייטער, האבען א צאהל באסעס אויך באצאהלט א סומע פון 45,000 דאלאר אין שטראפען פאר פארלעצען דעם אגרימענט, ווערט דאן קלאר אז די יוניאן האט עהרענהאפט ערפילט איהר פליכט און איז כסדר געווען אויף דער וואך, צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די מעמבערס און די באדינגונגען פון אונזער אגרימענט.

דער אגרימענט אין אונזער אינדוסט־ריע האט איינגעשטעלט א געוויסע מא־שינערי אויף צו שליכטען אזעלכע סכסוכים וואס זיינען פון א מעהר ערנסטען כאראק־טער און איבער וועלכע די ביזנעס אגענטען און דיסטריקט מענעדזשערס קענען זיך ניט אייניגען. אזעלכע סכסוכים ווערען אויס־גענומען פון אומפארטייאישען טשערמאן, וועמעס ענטשיידונג איז בינדענד. אחוץ די קייסעס פון די דזשון ריארגאניזיישאנס, וועלכע קענען לויט דעם נייעם, 1929 אגרי־מענט, געבראכט ווערען צום אומפארטייאי־שען טשערמאן, אין וועלכע קייסעס דעם גענעראל מענעדזשער, י. נאגלער'ן, איז געלונגען, אין א גרויסער צאהל פעלע, צו קריגען רעאינסטעיטמענטס פאר ארבייטער וואס זיינען אין די דזשון ריארגאניזיי־שאנס, דיסקרימינירט געווארען, האט בר. י. נאגלער פארטיידיגט דער יוניאן'ס שטאנדפונקט און געוואונען ענטשיידונגען אין די פאלגענדע 8 פרינציפיעלע קייסעס וואס זיינען פון זייער וויכטיגען כאראקטער.

1) דאס קויפען פון פארטיגע ארבייט אין ניט יוניאן שעפער.

די דזשאבערס האבען גע'טענהט, אז דער אגרימענט ערלויבט זיי צו קויפען פארטיגע ארבייט פון ניט יוניאן שעפער אויפגעמאכט פון יענעמס ווארע. דער אומפארטייאישער טשערמאן, אויסהערענדיג די ארגומענטען פון דער יוניאן האט ענט־שידען אז אפילו פארטיגע ארבייט מיט

וואָס עס טוט זיך אין לאָקאַל 9

פון נ. קוירצמאַן, סעק. מענעדזשער

●

די פייערונג פון דעם ערשטען מאַי איז אימער געווען אַ וויכטיגער טאָג אין דעם לעבען פון אונזער לאָקאַל, ווי אויך פון דער גאַנצער יוניאָן, ספּעציעל די קלאָוק־מאכער, ווי אַלע אַנדערע ארבייטער, דריקען אויס אין דעם טאָג פון ערשטען מאַי, די ענטשלאָסענהייט צו קעמפען פאַר דער באַפרייאונג פון דעם ארבייטער קלאַס פון דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפעריי און פאַר דער האָפענונג פאַר אַ בעסערער, שעהנערער צוקונפט, וואו אַלע מענשען וועלען לעבען ווי מענשען, פרייע, אָהן קיין פארשקלאַפונג, קיין אונטערדריקונג.

דערפאַר דעמאָנסטרירען מיר אַלע פאַראייניגטערהייט אין דעם טאָג מיט אַלע ארבייטער פון אַלע לענדער אָהן אונטערשייד פון ראַסען און מיינונגען, פאַר אַ שעהנערער צוקונפט און פאַר אַ בעסערער צייט.

אַ חוץ דעם, איז דער איצטיגער 1טער מאַי אַן אויסנאַם מיט דעם, ווייל מיר שטעהען פאַר דעם אויסגאַנג פון אגרימענטס מיט די באַלעבאַטים. דער קאַמף, וועלכער שטעהט אונז פאַר, וועט זיכער זיין אַ שווערער. די באַלעבאַטים, ווייל זיי רעכענען אַז מיר זיינען אָפּגעשוואַכט, און מיר וועלען ניט קענען ארויסשטעלען דעם נויטיגען ווידערשטאַנד, דענקען, אַז איצט איז די בעסטע צייט; זיי דענקען, אַז איצט וועלן זיי ארויפצווינגען אויף אונז די אַמאָליגע שקלאַפּישע באַדינגונגען, ווי די אַמאָליגע שטיק־ארבייט סיסטעם, און מאַכען אונזער לעבען ערגער און די באַדינגונגען פון אונזערע ארבייטער שרעקליכער, און מיט דעם מאַכען גרעסערע פּראָפיטען פאַר זיך.

מאַכען זיי אַ גרויסען טעות. נישט קוקענדיג אויף די מיינונגס־פאַרשיידענהייטען וואָס מיר האָבען צווישען זיך, אין דעם קאַמף נעגען די באַלעבאַטים, וועלען מיר אַלע זיין פאַראייניגט ווי איין מאַן, ווייל די פאָדערונגען ווי מיר האָבען ארויסגעשטעלט צו די באַלעבאַטים זיינען אַזעלכע וו ..כע וועלען מוזען האָבען די פולע פאַראייניגונג פון אַלע ארבייטער אין דעם קאַמף.

דערפאַר טראָגט דער ערשטער מאַי אַ ספּעציעלען כאַראַקטער, און עס איז די פליכט פון יעדען ארבייטער ארויסצוגעהן אין די גאַסען מיט אַלע אָרגאַניזירטע ארבייטער און דעמאָנסטרירען אין דעם קאַמף פאַר אַ שעהנערער און בעסערער צוקונפט, און דעמאָנסטרירען דעם כח פון די ארבייטער אין דעם קאַמף נעגען די באַלעבאַטים.

———

אין דעם מאָנאַט מאַי וועט אויך אָפּגעהאַלטען ווערען די קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל. די קאָנווענשאָנס פון אונזערע יוניאָנס זיינען אַלע מאָל וויכטיגע פּאַסירונגען אין דעם לעבען פון דער יוניאָן.

די קאָנווענשאָן, ספּעציעל ווען מיר שטעהען פאַר דעם אויסגאַנג פון דעם אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים וועט דאַרפען שאַפען דעם נויטיגען אַפּאַראַט צו מאַכען מעגליך, ווען דער אגרימענט וועט אויסגעהן, צו געבען די באַלעבאַטים דעם נויטיגען ווידערשטאַנד, ווי עס פּאַסט פאַר אָרגאַניזירטע ארבייטער, און מיט דעם איינשטעלען בעסערע קאָנדיציאָנען אין די שעפּער, כדי די קלאָוקמאַכער זאָלען קענען לעבען ווי מענשען און נישט ווי שקלאַפען, ווי די באַלעבאַטים וואָלטען געוואָלט. די קאָנווענשאָן וועט דאַרפען שאַפען דעם נויטיגען באָדען פאַר אַ פאַראייניגטען כח אין די רייהען פון די ארבייטער אין דעם קאַמף נעגען די באַלעבאַטים.

שוועסטער און ברידער! די צוויי פאַסירונגען זיינען פון אויסערגעוועהנליכער וויכטיגקייט אין דעם איצטיגען מאָמענט, און לאָמיר אַלע צוזאַמען, פאַראייניגט מיט איין געדאַנק: קעמפען פאַר אַ שעהנערער צוקונפט און פאַר בעסערע באַדינגונגען אין די שעפּער, פאַר אַ מעכטיגער יוניאָן וועלכע זאָל קעמפען פאַר די אינטערעסען פון די ארבייטער, און מאַכען דעם לעבען פון די ארבייטער שעהנער און בעסער.

אין קאַמף, פאַר אַ שעהנערער צוקונפט!

פאַר פרייהייט און גלייכהייט פון אַלע מענשען פון דער וועלט!

ריפּער מאַכער יוניאָן לאָקאַל 17

פון דזש. העלער.

●

מיר האָבען ענדליך זיך אויסגעגליכען מיט לאָקאַל 1 — אַ זעהר פרעהליכע ערשיינונג אין אונזער לעבען.

מיר ווילען איצט ניט אריינגעהן אין איינצעלהייטען וועגען דעם נאָרוואָס פאַרגאַנגענעם סיכסוך. מיר ווילען וועגען דער פאַרגאַנגענהייט יעצט ניט טראַכטען, ווייל זי איז געווען זעהר אונאַנגענעם. מיר ווילען בלויז אויסדריקען אונזער האָפענונג פאַר דער צוקונפט, אַז מיר וועלען האָבען פריינדליכע און ברידערליכע באַציהונגען מיט אַלע לאָקאַלען און לאָקאַל 1 וועט אין דעם ניט זיין קיין אויסנאַם.

———

אונזערע דעלעגאַטען צום קאָנווענשאָן, די ברידער בעלסאָן, ארשאַוויטץ, ליפּסקי און העלער האָבען שוין איינגעפּאַקט זייער באַגאַזש און זיינען פאַרטיג פאַר דער רייזע נאָך פילאַדעלפיע. זיי פאָהרען אהין אָהן רעזאָלוציעס און אָהן אישוס. זיי פאָהרען צום קאָנווענשאָן מיט איין געדאַנק — צו העלפען שטאַרק און פעסט מאַכען די אינטערנעשאָנאַל און אַלע לאָקאַלען.

מיר שטעהען יעצט פאַר אַן ערנסטען מאָמענט אין ניו יאָרק. די באָסעס פיהלען אַז זיי קענען אויסנוצען דעם עקאָנאָמישען קריזיס אין דער ריכטונג פון נידעריגערע ארבייטס־באַדינגונגען. עס וועט זיין אונזער פליכט ביים קאָנווענשאָן צו זעהן שאַפען די נויטיגע מיטלען פאַר דער דערגרייכונג פון מעהר פאַרזיכערונגען פון דעם עקאָנאָמישען עקזיסטענץ פון אונזערע מיטגלידער. לאָמיר דאָ אויסזאָגען אַ סוד, אַז אונזער דעלעגאַציע וועט זיין גרייט צו שטימען פאַר יעדען אָפּפער וועלכער וועט זיין נויטיג — אריינרעכענענדיג פינאַנציעלע הילף — כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אוועקצושטעלען אונזער אינטערנעשאָנאַל אויף אַ געזונטען און געזיכערטען פונדאַמענט. מיר ווילען זיך מעהר ניט שרעקען פאַר יעדען ווינטעלע. מיר ווילען האָבען די מעגליכקייט בייצוקומען יעדען שטורעם. מיר ווילען אַז אונזער אינטערנעשאָנאַל און איהרע לאָקאַלען זאָלען קענען ווייטער רייַדען מיט מוט, מיט אַנטשלאָסענהייט, מיט גלויבען און מיט אויטאָריטעט אין נאָמען פון יעדען מעמבער.

———

יע, איין רעזאָלוציע דענקען מיר דוקא יאָ פאָרצושלאָגען: „באַשלאָסען, אַז 30 טעג נאָך דער שליסונג פון דער קאָנווענשאָן זאָל זיך גלייך אָנהויבען אַ פּעריאָדע פון פּראָספּעריטי, פּרנסה און הצלחה פאַר אַלע מעמבערס פון דער אינטערנעשאָנאַל". אַלע דאַפיר — זאָלען מיט יאָ זאָגען; דאַגעגען? — קיינער, דערמיט פּאַסירט.

צווישען די סאב-מאנופעקטשורערס, א גאך גרעסערע מעגליכקייט צו מאכען די קאנקור-רענץ פיעל שארפער. די פארגרעסערטע ארבייטסלאזיגקייט, פאראורזאכט פון דעם שרעקלאכען וועלט-קריזיס, האט פון איין זייט פיעל פארערגערט אונזער מיטגלידער-שאפט, אזוי, אז מאנכע פון אונזערע מעמ-בערס, געפינענדיג זיך אונטער דער פסיכי-שער ווירקונג פון דעם קריזיס צושטאנד, האבען ענטמוטיגטע און אויס מורא פאר הונגער, זיך געלאזט איבעררייידען פון אומ-פאראנטווארטליכע באלעבאטים, איינצוגעהן אין דער שטיל אויף קאמפראמיסען בנוגע יוניאן באדינגונגען און צו האלטען עס אין געהיים אז די יוניאן זאל חלילה זיך דער-פון גים דערוויסען... דאס, ווידער, איז פון אנדערע באלעבאטים געווארען אויסגע-נוצט, צו מאכען א היסטערישען געשריי, אז די פראפארציע פון די וואס פארברע-כען געגען אגרימענט איז שרעקליך גרויס; זיי ווילען אזוי נאך „רעכטפערטיגען" זייע-רע פאדערונגען פאר די צוריק איינפיהרונג פון שטיק ארבייט.

פון דער צווייטער זייט האבען אונזערע מעמבערס, אלס רעזולטאט פון די פארקלע-נערטע סיזאנס און פארקלענערטע פארדינ-סטען, גיט געקענט אזוי רעגעלמעסיג צאה-לען זייערע בייטרעגע ווי אמאל. נאטיר-ליך האט זיך עס אפגערופען אויף דער יוניאנס איינגאהמע און אלס רעזולטאט, אונז א סך געשטערט אין דעם פרט פון דורכפיהרען אונזערע אנגעצייכענטע ארגא-ניזאציאנס פלענער. מיר האבען אונזער ארגאניזאציאנס ארבייט גיט געקענט מעהר אנפיהרען אויף דעם מאסשטאב און מיט דער טעמפא ווי מיר האבען עס געטאן דעם ערשטען סיזאן גלייך נאכ'ן 1929 סטרייק. דאס האט אין געוויסע יוניאן קרייזען, וואס זיינען געווען בלויז אויבער-פלעכליך באקאנט מיט דער לאגע, געשא-פען דעם פאלשען איינדרוק, אז די יוניאן איז גים געגוג אגרעסיוו. אין געוויסע לא-קאלס אין דיזער פונקט זאגאר באנוצט גע-ווארען אלס וואהל-אישו.

עס איז נויטיג אביסעלע טיפער אריינ-צוקוקען אין דער סיטואציע, איינצוזעהן ווי פאלש עס זיינען די אויבענדערמאנטע טענות. אז קריזיסען זיינען אן אומפאר-מיידליכע ערשיינונג אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג, ווייסען מיר שוין גים פון געכטען; דעריבער האבען אונזערע יוניאן פיהרער אימער געווארענט די מעמבערס זיי זאלען, אין די בעסערע יאהרען פון פראספעריטי אנזאמלען גרויסע קאמפס-פאנדען וועלכע זאלען געהאלטען ווערען אלס רעזערוו, צו ווערען באנוצט אין א צייט פון א קריזיס. אזוי האבען מיר געטאן אין יאהר 1919, ווען מיר האבען געשאפען א רעזערוו פאנד פון א מיליאן דאלאר, ווען דער ערשטער נאך דער מלחמה קריזיס איז אנגעקומען אין 1921, האבען די באלעבאטים דעמאלט געמאכט א לאק-אוט און געוואלט ארויפצווינגען אויף אונז שטיק-ארבייט. דער מיליאן דאלאר איז דעמאלט טאקע אונז זעהר גוט צונוץ גע-קומען צו געווינען אונזער קאמף.

אין די לעצטע יאהרען האט אונזער יו-ניאן דאס, ליידער, גיט געקענט טאן. דער 1926 סטרייק וואסט די קאמוניסטען האָ-בען געפיהרט, האט גיט נאר אויסגעליידיגט אלצדינג וואס די יוניאן האט פארמאגט, נאר זי איז ארויסגעקומען פאר'משכונט איבער'ן קאפ צו בענק און אנדערע בעלי חובות, וועמעס געלט מען האט אין יענעם סטרייק אויסגענוצט אדער אויסגעליהען... ביז דעם סטרייק פון יולי 1929, האט די יוניאן געלעבט פון האנט צום מויל. נאכ'ן סטרייק איז באלד אנגעקומען דער קריזיס, איידער די יוניאן האט אפילו געהאט א געלעגענהייט ריכטיג אפצואטעמען און צו קומען צו זיך. עס איז דעריבער קלאר, אז לויט די מעגלאכקייטען וואס די יוניאן האט אין די לעצטע צוויי און א האלב יאר געהאט, האט זי אויף א גלענצענדען אופן באוויזען, אז זי קאן שטעהן אויף איהרע אייגענע פיס און זי איז אימשטאנד, אין יעדער סארט סיטואציע, צו געפינען וועגען און מיטלען, צו קענען אנגעהן מיט דער רוטינער ארבייט.

אלס רעזולטאט פון דעם קריזיס האט זיך, ווי פריהער דערמאנט, פארשטארקט דער באנייטער אפעטיט פון די באלעבאטים צוריקצוברייינגען שטיק-ארבייט אין אונזער אינדוסטריע. נאכדעם ווי וואך ארבייט עקזיסטירט שוין אין אונזער קלאוק טרייד פאר די לעצטע 14 יאהר, האבען די אר-בייטס-געבער אויסגעפונען אז כדי צו בא-קעמפען די האלדשניידענדע קאנקורענץ וואס הערשט אין אונזער אינדוסטריע, דארפען מיר זיך צוריקקערען צו שטיק-אר-בייט... דעם פארלאנג האבען אונזערע בא-לעבאטים געמאכט אפיציעל, 6 מאנאטען איידער דער אגרימענט האט געדארפט אויסגעהן. מיר האבען זיי געענטפערט אז מיר האבען צייט צו דיסקוטירען מיט זיי זייערע „וואונדערבארע" פלענער, ווען די צייט וועט קומען — לויט די פאראגראפען פון אונזער אגרימענט. די יוניאן האט גלייך נאכדעם זיך גענומען אויסארבייטען אונזערע פאדערונגען צו די באלעבאטים. (די פאדערונגען ווערען איבערגעגעבען אין אן אנדער פלאץ פון דעם נומער „גערעכ-טיגקייט".

דורך דעם מאנאט מארטש האט די יו-ניאן געהאט דריי קאנפערענצען מיט די דריי אסאסיאיישאנס, מיט וועלכע אונזער דזשאינט באארד שטעהט אין קאנטראקט-פארבינדונגען. דער ראש המדברים פאר דער יוניאן איז געווען פרעזידענט ב. שלע-זינגער. אויף א זעהר פעהיגען אופן האט ער פארמולירט און צוגלידערט די יוניאן-פאדערונגען. ער האט אויך זעהר לאגיש און טאלאנטפול אפגעענטפערט, סיי אויף די טענות און איינוועגדונגען פון די בא-לעבאטים אזוי גוט ווי אויף זייערע געגען-פאדערונגען מען זאל צוריקברייינגען די סיסטעם פון שטיק-ארבייט. וואלט זיך עס געהאנדעלט בלויז אין דעם, ווער עס האט ביי די קאנפערענצען געגעבען בעסערע, לאגישערע און שטארקערע ארגומענטען, וואלטען מיר שוין געקענט פאראויס זאגען, אז די יוניאן האט געזיגט. אבער דער אמת איז, אז ארבייטער פאדערונגען ווערען ניט געוואונען בלויז מיט געבען גוטע אר-גומענטען ביי קאנפערענצען, סיידען דער אנדערער צד ווייס, אז די ארבייטער זיי-נען פאראייניגט, מאביליזירט, קאמפס-ווי-ליג און ענטשלאסען צו נעמען מיט כוח דאס, צו וועלכעס זיי זיינען בארעכטיגט, אבער דער צווייטער צד וויל עס, צוליב זיין איינגעשפארטקייט, ניט נאכגעבען.

דעריבער מאכט די יוניאן אצינד אלע פארבערייטונגען פאר א קאמף. פאר דיזען צוועק איז ארויפגעלייגט געווארען א סטרייק טעקס פון 15 דאלאר אויף יעדען מעמבער פון יעדען לאקאל וואס איז אנ-געשלאסען אן קלאוק דזשאינט באארד. די-זער טעקס איז צוערשט געבראכט געווארען צו א גרויסען שאפ-טשערמאן מיטינג, וועל-כער האט עס מיט גרויס באגייסטערונג איינשטימיג אנגענומען. די אנגעשלאסענע לאקאלס האבען נאכהער דיזע פראגע אפ-געשטימט דורך א רעפערענדום און דער טעקס איז גוטגעהייסען געווארען מיט דער גרעסטער מאיאריטעט אין אלע אנגעשלא-סענע לאקאלס.

דער סטרייק טעקס ווערט אצינד קא-לעקטירט. אחוץ דעם ווערען אויך געמאכט אלע אנדערע מאביליזאציאנס פלענער וועלכע זיינען נויטיג אין די פארבערייטונגען ארבייט פאר א סטרייק. מיר טוען אלצ-דינג, כדי אז ווען די צייט וועט קומען, זאלען מיר זיך געפינען אין א צושטאנד, עהרענהאפט צו קענען פארטיידיגען אונזע-רע גערעכטע פאדערונגען און אונזער אר-גאניזאציע.

אלס דעלעגאט צו דיזער 21טער קאנ-ווענשאן האבען מיר איינשטימיג ערוויילט אונזער גענעראל מענעדזשער און וויים-פרעזידענט, בר. י. נאגלער. אלס דער גענעראל מענעדזשער פון אונזער דזשאינט באארד פאר די לעצטע 3 יאהר איז ער זעהר גוט באקאנט מיט אלע אונזערע פרא-בלעמען.

צום שלום ווילען מיר ווינשען אלע דע-לעגאטען צו דער קומענדער 21טער צוויי-יעהרליכער קאנווענשאן פון אונזער אינ-טערנעשאנאל, אז זייערע פארהאנדלונגען און באשליסע זאלען זיין נוצליכע און פרוכט-בארע. זיי זאלען העלפען צו פארשטארקען אונזער אינטערנעשאנאל'ס פרעסטיזש און איהר כוח צו קענען דורכפיהרען אין לעבען אין דער נאהענטער צוקונפט אלע גרויסע און גוטע פלענער, וואס איהר דעלעגאטען, וועט אנצייכענען פאר די קומענדע צוויי יאהר, פאר די פארבעסערונג פון אונזערע עקאנאמישע באדינגונגען אין די שעפער און פאר דער פארשטארקערונג פון אונזער אינ-טערנעשאנעל בפרט און די אלגעמיינע אר-בייטער באוועגונג בכלל — פון וועלכע מיר זיינען א טייל.

מאנופעקטשורערס צו נעמען א שטעלונג. זיי האבען געווארענט אלע מאנופעקטשורערס ניט צו וואגען צו שניידען וויידזשעס פון די קאטערס, ווייל דאס טרייבט זיי אין דער יוניאן. ווי שוין געזאגט איז אמלעבעדיגסטען ביי די קאטערס, זייערע מיטינגען זיינען שעהן באזוכט און עס הערשט א וואונדערבארע אטמאספערע און א ווילען אויף צו בויען א יוניאן. די געווינסען פון די קאטערס רופט זיך אפ אויף די ארבייטער פון די אנדערע צווייגען פון טרעיד. די פרעסער וועלכע זיינען געשטאנען פון דערווייטען זעהען איין וואס א יוניאן קען אויפטאן, און עס איז צו האפען, אז נאר קורצליך וועלען זיי זיך אנשליסען אן די קאטערס און צו זאמען קעמפען פאר א בעסערען לעבען. עס איז שוין צייט, באמת, אז די פרעסער זאלען אויפהערען ארבייטען פאר אומזיסט.

אויך ביי די מיידלאך וועלכע ארבייטען אין דרעס טרעיד האט זיך די טעטיגקייט פון דער יוניאן אפגערופען צום גוטען. מיר זעהען שוין אפטער נייע מיידעלשע פנים'ער, וועלכע קומען און ווערען מיטגלידער. אלזא, די ארבייטער פאנגען שוין ביסלאכווייז אן איינצוזעהן, אז זיי נויטיגען זיך אין א יוניאן, דער אומגליק איז נאר וואס עס נעמט די ארבייטער אזוי לאנג צו ערוואכען. לאמיר אבער אויסדריקען די האפענונג, אז די דרעסמאכער, וועלכע זיינען שוין א ביסעל ערוואכט, וועלען פארזעצען די ארבייט ביז א שטארקע דרעסמאכער יוניאן וועט אויפגעבויט ווערען.

פלאץ און אפגעשטעלט אין די מעהרסטע פאלען די ווילדע אפעטיטען פון די בארלעבאטים, וועלכע זיינען געווען גרייט צו כאפען פיש אין טרובע וואסער, און מיט אונזער ענטשלאסענער האנדלונג האבען מיר געצוואונגען די באלעבאטים צו אנערקענען דעם פאקט אז נישט קוקענדיג דערויף וואס מיר האבען נישט קיין קאנטראקטען מיט אונזערע באלעבאטים, לעבט די יוניאן און איז גרייט צו באשיצען די קלאוקמאכער און מיר זיינען ענטשלאסען פארטצוזעצען דיזעלבע פאליסי ביז וואנען אונזערע באלעבאטים וועלען קומען צו דעם פארשטאנד אז זיי קאנען פון דער יוניאן נישט פטור ווערען און וועלען זיין געצוואונגען צו שליסען אן אפמאך מיט דער יוניאן.

אונזער ציעל איז צוצוגרייטען זיך פאר א דזשענעראל סטרייק צו דעם קומענדען ספרינג סעזאן, און שוין איצט פאנגען מיר אן צו זאמלען אונזערע כחות פאר דעם פארשטעהענדען סטרייק. מיר גרייטען זיך פארצושלאגען א רעזאלוציע צו דער קאנווענשאן וועגען אן אינדארסמענט פאר א דזשענעראל סטרייק. עס איז קיין צווייפעל אז די קאנווענשאן וועט אזא רעזאלוציע גוטהייסען.

נייעס און פאסירונגען אין דער קלאוקמאכער יוניאן פון טאראנטא

פון א. קירזשנער, וויס־פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

דער געפלאנטער גענעראל סטרייק וואס מיר האבען געזאלט רופען צו דעם איצטיגען ספרינג סעזאן, איז נישט אדורכגעפיהרט געווארען. מיר זיינען געווען געצוואונגען צוריקצורופען דעם סטרייק רוף, ווייל מיר זיינען נישט געווען פינאנציעל צוגעגרייט. חוץ דעם זיינען אונזערע מעמבערס נישט געווען צופיל באגייסטערט פאר א סטרייק. אונזער האפנונג איז אויך געווען אז דער דזשענעראל אפיס וועט זיין אימשטאנד דעם סטרייק דורכפיהרען. ליידער, זיינען אלע אונזערע האפנונגען נישט פארווירקליכט געווארען. מיר זיינען געווען געצוואונגען ארויסצוקומען ביי א מעמבער מיטינג, וואו איבער טויזענט מעמבערס האבען איבערגעפאקט דעם גרויסען אודיטאריום פון דעם לייבאר לייסעאום און דערקלערען די מעמבערס אז די יוניאן איז נישט גרייט צו רופען א סטרייק ביי דעם איצטיגען מאמענט.

ביי דעם מיטינג זיינען אנוועזענד געוועזען די וויס פרעזידענטען קריינדלער און פיינבערג. זיי זיינען שארף ארויסגעטראטען נעגען א דזשענעראל סטרייק ביי דעם איצטיגען קריזיס. עס איז פארגעקומען אביסעל טומעל פון אונזערע פראפעסיאנעלע טומעל מאכער. צום שלום איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אויסדריקענדיג פולען צוטרויען צו דער דזשאינט באארד און אפיסערס, אנצופירען די ארבייט פון דער יוניאן.

גלייך צומארגענס נאך דעם מאססמיטינג איז אפגעהאלטען געווארען א ספעציעלער מיטינג פון דער דזשאינט באארד מיט דער אנוועזענהייט פון די ברידער פיינבערג און קריינדלער. דער מיטינג איז געוועזען זייער א ווארימער. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען די רעזיגנאציעס פון די צוויי באצאהלטע אפיסערס. די ברידער קריידמאן און דער שרייבער פון די ציילען. די רעזיגנאציעס זיינען געקומען אלס א רעזולטאט פון דעם טומעלדיגען מאססמיטינג. די ברידער פיינבערג און קריינדלער האבען אנגעוויזען אז עס וואלט געמיינט זעלבסטמארד פאר דער יוניאן, אויב די באצאהלטע אפיסערס זאלען איצט אוועקגעהן פון דער יוניאן, און געארדערט די באצאהלטע אפיסערס צוריקצוציען די רעזיגנאציעס. נאך א לייגערע דיסקוסיע איז באשלאסען געווארען צוריקצואווייזען די רעזיגנאציעס, און פאלגענדע פאליסי איז אנגענומען געווארען: אזוי ווי דער קאנטראקט מיט די מאנופעקטשורערס איז אויסגעגאנגען און דער קאנטראקט איז נישט באנייט געווארען. פאלגליך פאלט אוועק די ביז איצטיגע אראנזשמענטס וועגען סטאפעדזשעס און די מאשינערי פאר שליכטען קאמפלעינטס. דארום באשליסט די באארד צו אינסטרואירען די מעמבערס און אפיסערס צו נעמען א שטעלונג אין יעדען פאל ווען די באלעבאטים וועלען וואגען צו רעדוצירען די פרייזען און מאכען א פארזוך צו באזייטיגען די יוניאן באדינגונגען.

פאר די לעצטע פאר וואכען האבען מיר געהאט פלענטי טראבעל מיט א צאהל באלעבאטים, א טייל ארבייטסגעבער האבען איינגערעדט די ארבייטער, אזוי ווי עס איז שוין נישטא קיין קאנטראקט, פאלגליך איז שוין מעהרער נישטא קיין יוניאן און זיי קאנען שוין טאן וואס זיי ווילען, שטעלען אליין די פרייזען.

די יוניאן איז גלייך געוועזען אויפ'ן פלאץ ...

⁂

דער איצטיגער סעזאן איז א מערקווירדיגער. אין א פאר שעפער איז פאראן ארבייט איבער דעם קאפ, א גרויסע צאהל שעפער ארבייט כמעט גארנים. אט די לאגע רופט זיך שלעכט אפ אויף אונזערע איינגאמע. צו דערזעלבער צייט איז די יוניאן איינגעטונקט אין חובות אלס א רעזולטאט פון די סטרייקס וואס מיר האבען לעצטענס אנגעפירט, און די חובות מוזען באצאהלט ווערען, און די מעמבערשיפ וועט זיך דארפען שטארק אנשטרענגען, ספעציעל די וואס ארבייטען, און באצאהלען די שולדען צו דער יוניאן.

⁂

פאר א לייגערע צייט האבען מיר אנגעפיהרט א סטרייק געגען א פירמע, די בעלל גארמענטס. דער סטרייק האט צוגענומען א סך געלד און כחות. עס איז זאגאר געווען קרבנות. 4 סטרייקער זיינען פאר'משפט געווארען פאר סטרייק־אקטיוויטעס, 2 האבען געקראגען צו דריי מאנאטען און צוויי סטרייקער צו זעקס מאנאטען. נאך סטרייקען איבער 9 מאנאטען, איז די יוניאן געווען געצוואונגען דעם סטרייק אויפצוגעבען, דאס הייסט אז די פירמע האט געווינט. נאר ווי זאגט מען: „נאך אזא זיעג און אלעס איז פארלארען". נאך דעם גרויסען זיעג האט די פירמע באנקראטירט, און זיי לויפען ארום בעטען פאר א סעטלמענט.

זאל דאס זיין א ווארנונג צו אלע מאנופעקטשורערס אז די יוניאן קאן מען נים באזיגען. אנפאנגען מיט דער יוניאן מיינט איינשטעלען אין קאן די ביזנעס און די געפאהר איינגאנצען די ביזנעס צו פארלירען.

וואס עס הערט זיך אין שיקאגא

פון מאריס ביאליס, וויס-פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

דער קלאוק ספרינג סעזאן האט זיך אנ-
געפאנגען ווי געווײנטלאך אין יאנואר, דאס
האט אבער ניט געמיינט, אז עס איז גע-
ווען גענוג ארבייט פאר אלעמען. די עט-
ליכע גרעסערע שעפער האבען געארבייט
און דער גרעסטער צאל, וואס באשטייט פון
קלענערע שעפער, האבען געפוסטעוועט.
דאס נאטירליך האט געמיינט, אז די ליידען
פון די ארבייטער זיינען געווען אומערטרעג-
ליך. די יוניאן האט גלייך אנגענומען אוועל-
כע מיטלען, וועלכע זיינען נאר געווען מעג-
ליך צו פארלייכטערן די לאגע פון די
ארבייטסלאזע. די יוניאן האט ניט גערוט
ביז וואנען אלע ליידינע פלעצער אין די
ארבייטענדע שעפער זיינען באזעצט געווא-
רען מיט ארבייטער. אין אייניגע שעפער
איז אונז אויך געלונגען צו באוועגען די
באלעבאטים צוצושטעלען עטליכע מאשינען
און ארבייטער זיינען ארויף צו דער אר-
בייט. ווען מער אפערייטארס זיינען אריין
אין א שאפ, האט דאס גלייכצייטיג גע-
מיינט, אז נאך פרעסער, אדער פינישער,
אדער קאטערס האבען אויך געקראגען אר-
בייט. די אפערייטארס זיינען געגאנגען א
טרים וויטער, זיי האבען געטעקסט מיט א
דאלאר א וואך אלע וועלכע ארבייטען, אום
צו קענען אויפהאלטען מיט פיל ווייניג
די וועלכע האבען ניט געארבייט. די פרע-
סער האבען אויך אנגעווענדט אלע מיט-
לען ארויפצוזעטצען נאך ארבייטער אין די
שעפער. זיי האבען געהאלטען א שטרייננג
אויג, אז עס זאל אין ערגיץ ניט געארבייט
ווערען קיין אווערטיים, אזוי ארום איז אין
יעדען ארבייטענדען שאפ, אוואו עס איז
נאר געווען א פרעס ברעט ארויפגעשטעלט
געווארען א פרעסער. ווי שוין באריכטעט
האבען די פינישער מער אדער ווייניגער
געליוזט זייער פראבלעם דורך ארונטער-
נעמען פון דער ארבייט די פארהייראטע
פרויען וועמענס מענער עס ארבייטען.
דיזע פראצידור האט געשאפען פיל אומאנ-
גענעמלאכקייטען פאר די באאמטע פון דער
יוניאן, סיי באצאלטע און ניט באצאלטע.
די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 59 איז
נאך איצט אויך שטארק פארנומען אויס-
צוהערען קאמפליינטס פון די ארונטערגע-
נומענע פרויען, וועלכע פארלאנגען צו גיין
צוריק צו דער ארבייט. די אלע קאמ-
פליינטס ווערען פון דער עקזעקוטיוו בא-
ארד גלייך פארהאנדעלט און אין א סך
פעלע ווערען די מעמבערס צוריקגעשיקט
צו דער ארבייט. אונזערע קאטערס זיינען
אויך ניט צוריקגעשטאנען אין דער אנ-
שטריינגונג צו קריגען ארבייט פאר זייערע
מעמבערס, די עקזעקוטיוו פון קאטער לא-
קאל האט אן ענערגישע קאמיטע פאר דיזען
צוועק. דאס אלעס וואס איך האב ביז
איצט באריכטעט איז געמאן געווארען
גלייך מיט'ן אנפאנג פון סעזאן. די אנ-
שטריינגונגען זיינען ניט געווען קיין ארויס-
געווארפענע, עס האט פיל געהאלפען, ווייל
דער סעזאן האט זיך געצויגען ווי פון פעך.
די ערווארטונגען זיינען געווען, אז היינט-
מארגען ווערט ביזי, און אזוי איז אוועק
א טאג נאך א טאג בלויז מיט האפע-
נונגען. ביז ענדליך האבען מיר זיך דער-
ווארט אמווייניגסטענס אויף א שטיקעל בי-
זי. דער גאסט איז אזוי צו זאגען געקומען
מיט א צוויי וואכען צוריק און עס ווערט
ערווארטעט, אז עס זאל נאך אנהאלטען
א 4—5 וואכען, דאס הייסט, ביז ענדע
פסח. דער גרעסטער טייל פון די ארבייט
וועלכע מיר האבען, איז דער ביליגער גאר-
מענט, וועלכער ווערט פארקויפט צום רי-
טיילער פאר 10 און האלב דאלאר און פאר
16 און האלב דאלאר. די בעסערע ארבייט
וועלכע אונזערע קלאוקמאכער האבען פאר
א סך יארען געמאכט, איז איצט דא זעהר
ווייניג. היינט צו טאג האבען מיר אלע
אפערייטארס באשעפטיגט, וואס אנבא-
לאנגט די אנדערע צווייגען פון טרעיד הא-
בען מיר נאך אומבאשעפטיגטע. עס איז
אמת, אז זייער צאל איז ניט גרויס, נאר
עס וואלט געווען א סך גלייכער ווען זיי
וואלטען שוין אויך געארבייט. אלס אומ-
באשעפטיגטע האבען מיר אסמייסטענס
פאר נעיער, דאס זיינען ארבייטער וועלכע
האבען פאר א משך פון יארען ניט גע-
מאן קיין אנדער ארבייט ווי נאר אנגייען
די פאר טרימינגס, און אזוי ווי דיזען סע-
זאן גייט זעהר ווייניג פאר איז די צאל
אומבאשעפטיגטע גרעסער צווישען דיזע אר-
בייטער. נאטירליך, די וועלכע קענען זיך
צופאסען צו אנדערע ארבייט אויסער פאר,
ווערען געשיקט אויף דזשאבס.
פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען זיי-
נען מיר דא דורכגעגאנגען א סך אינער-
ליכע צוויסטיגקייטען, וועלכע האבען זיך
געשאפען ערב די ערוויילונג פון באצאל-
טע באאמטע. געווײנטליך קומען פאר די
וואלען אין מאנאט יאנואר, דיזען יאר האט
זיך דאס פארשלעפט ביז מארטש. די
פארשפעטיגונג איז געקומען פון די מיי-
נונגס פארשידענהייטען וועלכע האבען זיך
געשאפען ביי דער דזשאינט באארד און
דער בורזשעט קאמיטע אויף דער פראגע
פון וויפיל באצאהלטע בעאמטע די יוניאן
נויטיגט זיך אנצוגעהן מיט דער ארבייט.
ענדליך איז די פראגע געשליכטעט געווא-
רען. דער שרייבער פון דיזע שורות איז
ווידער דערוויילט געווארען אלס דער מע-
נעדזשער פון דזשאינט באארד; פאר ביד-
נעס אגענטס זיינען דערוויילט גע-
ווארען מאקס גאוועש פון לאקאל 5 און
הערי רופער פון לאקאל 59. די אינסטא-
ליישאן איז געווען זעהר א פייערליכער. א
סך שעפער זיינען געווען פארטראטען דורך
קאמיטעס, וועלכע האבען מיטגעבראכט
בלומען. אויסערגעווײנליך שיינע באקסעס
בלומען זיינען געשיקט געווארען פון די
ארבייטער פון שיינקער, מישעל און וויינ-
סטאק און פון די ארבייטער פון די מער-
יאן גארמענטס. ברודער א. ראבינאוויץ,
פון לאקאל 5, וועלכער האט געדינט דער
יוניאן פאר די לעצטע פיר און האלב יאר
אלס ביזנעס אגענט, איז אין די לעצ-
טע וואלען דורכגעפאלען. ברודער ראבי-
נאוויץ איז אלע יארען געווען זעהר טעטיג
אין דער יוניאן. עס איז געווען זעהר דער-
פרייענד צו הערען פון אים ביים לעצטען
דזשאינט באארד מיטינג, וואו ער האט
געזאגט, אז ער וועט ווייטער זיין נאענט
צו דער יוניאן און מיטהעלפען מיט אלעס
וואס ער קען אין דער ווייטערדיגער אר-
בייט. און ער האט טאקע געהאלטען ווארט.
ווייל גלייך נאך די וואלען זיינען מיר צו-
געטראטען צו גאנץ וויכטיגע ארבייט און
ברודער ראבינאוויץ איז געווען איינער פון
די אנפירער גלייך ווי פריער. דער פיני-
שער לאקאל 59 האט ביים לעצטען מיטינג
אויסגעדריקט דאנקבארקייט צו ברודער רא-
בינאוויץ'ן און אים פרעזענטירט מיט א
ווערטפולען ריסט וואטש.

ווענען דער קאנווענשאן רודערט זיך
ביי אונז פונקט ווי אין אנדערע שטעט
וואו אונזער אינטערנעשאנאל האט לאקא-
לען. די קאנווענשאן איז דער הויפט גע-
שפרעך פון טאג. אלע ריידען פון דער
קאנווענשאן, און קאנדידאטען האבען מיר
שוין אויך, און ווענען סלייטס איז דאך
אפגערעדט. מיר האבען עטליכע סלייטס
און היינט צו טאג איז דער קאמפיין אין
פולען גאנג. איין זאך איז אבער ווערט
צו דערציילען, אז אונזערע קאנדידאטען
פון אלע סלייטס האבען זיך איינפארשטא-
נען, אז דער קאמפיין זאל זיין אויף א
ברידערליכען שטיינער, מען זאל איינעם
דעם צווייטען ניט באשמוצען. וויפיל דער-
לעגאטען די שיקאגאער לאקאלען וועלען
שיקען צו דער היינטיגער קאנווענשאן, קען
איך נאך איצט באשטימט ניט וויסען. נאר
זיכער איז, אז די פולע דעלעגאציע צו
וועלכער מיר זיינען בארעכטיגט וועלען
מיר דעם יאר ניט שיקען, טאקע פשוט
צוליב פינאנציעלע אומשטענדען. אונזער
דזשאינט באארד האט שוין דערוויילט א
דעלעגאט, דאס איז דער שרייבער אליין!

דער קעמפיין ביי די דרעסמאכער גייט
אן זייער לעבעדיג, איבערהויפט איז עס
זעהר לעבהאפטיג צווישען די קאטערס.
מיט'ן אנקומען פון דעם ספרינג סעזאן, איז
אונטער דער פירערשאפט פון ברודער ב.
שיין מיט אונזער אפיס סטעף, אנגעפירט
געווארען א היבש ביסעל סטרייקס פאר
העכערונגען אין ווידזשעס. א גרויסע צאל
קאטערס האבען געקראגען העכערונגען, א
סך קאטערס וועלכע זיינען ארויסגעשיקט
געווארען פון דער ארבייט, איז דער יוניאן
געלונגען צוריקצושיקען אויפ'ן דזשאב.
דיזע טעטיגקייטען האבען געצוואונגען די

GERECHTIGKEIT *(Justice)*

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. XIV. No. 5. **Jersey City, N. J., June, 1932** **Price 10 Cents**

בענדזשאמין שלעזינגער
ווידערערוועהלט פרעזידענט פון דער א. ל. ג. וו. י.



דייוויד דובינסקי
ווידערערוועהלט גענ. סעק.־טרעזש. פון דער א. ל. ג. וו. י.

דער בעסטער רעזולטאט פון דער קאנווענשאן

עס איז גע־ווען אן אינטע־רעסאנטע קאנ־ווענשאן — דאס איז דער אלגעמיינער אורטייל פון אלע וואס זיינען אויף דער קאנווענשאן געווען אדער האבן געלייענט די באריכטען וועגען איהרע פארהאנדלונגען.

עס קען זיין, אז דאס ווארט „אינטע־רעסאנט" איז נים דאס ריכטיגע ווארט אויסצודריקען דעם כאראקטער פון דער קאנווענשאן. מיר וואלטען בעסער געברוי־כען די ווערטער ערנסט, באלעהרענד, קאנ־סטרוקטיוו. אבער עס האנדעלט זיך נים וועגען ווערטער, נאר וועגען אויפטואונגען, און עס איז מיט איהרע אויפטואונגען וואס די קאנווענשאן קען זיך באריהמען.

מיר וואלטען זאגען, אז די גרעסטע אויפטואונג פון דער קאנווענשאן איז, וואס זי האט געשאפען מעהר איינינקייט, מעהר הארמאניע אין דער אינטערנעשאנאל. די קאנווענשאן האט, אמת, ניט אפגעשאפט די מיינונגס־פארשיידענהייטען, וואס האבען עקזיסטירט צווישען די פארשיידענע טיילען פון דער אינטערנעשאנעל, אבער זי האט פון זיי ארויסגענומען דעם קריגערישען, פיינדליכען גייסט. מיינונגס־פארשיידענהייר־טען אין אן ארגאניזאציע זיינען נאטירליך און מייסטענס אויך גאנץ ניצליך . זיי ווע־רען בלויז שעדליך דעמאלט, ווען אנשטאט געגנערשאפט שאפען זיי פיינדשאפט. און די קאנווענשאן האט אויף דעם בעסטען אופן געוויזען אז מען קען זיין פריינדליך, ברידערליך און טאלעראנט ניט קוקענדיג, וואס מען האט געגנערישע מיינונגען.

מיר צווייפלען, אויב עס וועט זיך געפי־נען אפילו איינער פון די דעלעגאטען, אפילו צווישען די קאמוניסטישע דעלעגאטען, וואס קען זאגען, אז ער האט אויף דער קאנ־ווענשאן ניט באקומען די מעגליכקייט אויס־צודריקען זיין מיינונג, ווען עס איז נאר פארהאנדעלט געווארען א וויכטיגע פראגע.

קאנווענשאן רוף פון דער אינטערנעשאנאל

צו אלע אנגעשלאסענע לאקאלס און דזשאינט באארדס:

זייט געגריסט:

מיר לאזען אייך וויסען, אז די איין און צוואנציגסטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן וועט אפגעהאלטען ווערען אין פילאדעלפיא, אנפאנגענדיג דעם 2טען מאי 1932, און איהר ווערט אויפגעפאדערט צו רופען גלייך א ספעשעל מיטינג פון אייער ארגאניזאציע צו נאמינירען און ערוועהלען דעלעגאטען און „אלטערנייטס" צו דער קאנווענשאן.

זינט אונזער לעצטער קאנווענשאן אין קליוולאנד מיט צוויי און א האלב יאהר צוריק אין דעצעמבער, 1929, זיינען פארגעקומען פילע וויכטיגע פאסירונגען אין דעם לעבען פון אונזער אינטערנעשאנאל-ארגאניזאציע. דורך דער צייט האט זיך אונזער לאנד געפונען אונטער דעם דרוק פון א געוואלדיגען עקאנאמישען קריזיס וועלכער האט איבערגעלאזען א שעדליכע ווירקונג אויף יעדער גרופע, אויף יעדער ארגאניזאציע, אויף יעדען מענשען אין אלע לעבענס-קרייזען. ווי יעדע אנדערע ארבייטער ארגאניזאציע, זיינען מיר געצוואונגען געווען דורך דער צייט צו קעמפען פארצווייפעלט זייענדיג צוגעשפארט צום וואנט, פאר דער סאמע עקזיסטענץ פון אונזער יוניאן און פאר דער אויפהאלטונג פון די לעבענס-סטאנדארדס פון אונזערע מיטגלידער.

אן אומגעהייערע צאהל פון לעבענס-וויכטיגע פראבלעמען האבען זיך אנגעזאמעלט ביי אונז, וועלכע די נעקסטע קאנווענשאן וועט מוזען לייזען, אינדוסטריעלע פראבלעמען, פראבלעמען פון ארגאניזאציאנעלע פאליסים און פראגען פון אינערליכער הארמאניע. די אלע פראגען וועלען פאדערען א קאנסטרוקטיווע לייזונג און מיר וועלען מוזען אנשטרענגען דאס בעסטע וואס איז דא אין אונז אלס קלאסען-באוואוסטע טרייד יוניאניסטען און אלס איבערגעבענע מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן צו באגעגנען די דאזיגע פראבלעמען אפען, ערנסט און אויפריכטיג.

אייער לאקאל איז בארעכטיגט, אויף דעם באזיס פון לעצטען צענזוס, צו דער צאהל דעלעגאטען און אלטערנייטס צו דער 1932 קאנווענשאן אין פילאדעלפיא.

מיר שליסען איין אן אפיציעלען רעטורן באלאט אויף וועלכען איהר וועט פארשרייבען די נעמען פון די דעלעגאטען און אלטערנייטס, זייערע אדרעסען און לעדזשער נומערען, און די צאהל שטימען וואס יעדער פון זיי האט געקראגען. דער באלאט דארף גע'חתמ'עט ווערען פון די געהעריגע באאמטע פון אייער לאקאל אדער דזשאינט באארד. ווען מיר וועלען ערהאלטען דעם באלאט פון אייך וועלען מיר צושיקען די דעלעגאטען און אלטערנייטס זייערע אפיציעלע קרעדענשעלס צו דער קאנווענשאן.

מיר בעטען אייך צו האנדלען איבער דעם צושריפט, נים אפלעגענדיג עס. דער אפיציעלער רעטורן באלאט מוז אנקומען צום דזשענעראל סעקרעטער-טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנאל נים שפעטער ווי דעם 4טען אפריל, 1932.

גענעראל עקזעקוטיוו באארד א.ל.ג.וו.י.
בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט
דייוויד דובינסקי, דזשענ. סעק.-טרעזש.

אויף, צום ערשטען מאי!

אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן ווערען גערופען צו באטייליגען זיך אין דעם מאי פאראד, וואס ווערט ארגאנזשירט פון דער פאראייניגטער ארבייטער באוועגונג.

דער באשלוס אויפצופאדערען די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל אנטייל צונעמען אין די ערשטע מאי פייערונגען איז אנגענומען געווארען אויף א מיטינג אין וועלכען עס האבען זיך באטייליגט פרעזידענט שלעזינגער, סעקרעטערי-טרעזשורער דובינסקי און נאגלער, מענעדזשער פון קלאוקמאכער דזשאינט באארד, האכמאן, מענעדזשער פון דרעסמאכער דזשאינט באארד, אשביז, סעקרעטער פון קלאוקמאכער דזשאינט באארד, ליוואי, מענעדזשער פון לאקאל 1, קוירצמאן, מענעדזשער פון לאקאל 9, פערלמוטער, מענעדזשער פון לאקאל 10, העלער, מענעדזשער פון לאק. 17, ברעסלאו, מענעדזשער פון לאקאל 35, בלוסטיין, מענעדזשער פון לאקאל 22, אנטאניני, מענעדזשער פון לאקאל 89, גרינבערג, מענעדזשער פון לאקאל 38 און 91, שאר, מענעדזשער פון לאקאל 62 און דזשוליוס גוירבער אלס פארטרעטער פון דער מאי-קאנפערענץ.

אויפ'ן מיטינג איז געוועהלט געווארען א ספעציעלע אראנדזשמענטס קאמיטע מיט דזש. ברעסלאו טשערמאן, ה. גרינבערג וויס-טשערמאן און לואיס ליוואי סעקר.

די פייערונג פון דעם ערשטען מאי דאס יאהר האט פאר די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל א באזונדערס וויכטיגע באדייטונג. די קלאוקמאכער, וועלכע זיינען דער רוקען-ביין פון דער אינטערנעשאנאל, שטעהען פאר א גרויסען קאמף. די באלעבאטים גרייטען זיך צו מאכען אן אנגריף אויף די לאנג אויסגעקעמפטע פאזיציעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן און די קלאוקמאכער מוזען זיין גרייט דעם אנגריף אפצושלאגען. דער ערשטער מאי פאראד דארף דעריבער זיין פאר די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל א דעמאנסטראציע פון כוחות, פון אייניגקייט און פון סאלידאריטעט און פון אנטשלאסענקייט צום קאמף.

זאל יעדער מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל האלטען פאר זיין פליכט צו קומען דעמאנסטרירען דעם 1טען מאי די אייניגקייט פון די ארבייטער און זייער גרייטקייט צום קאמף.

אויף, צום ערשטען מאי!

א באגריסונג צו דעם 35 יעהריגען יובילעאום פון „פארווערטס"

אין נאמען פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן באגריסען מיר פון טיפען הארצען דעם „פארווערטס" צו זיין פינף און דרייסיג יעהריגען יובילעאום.

דער „פארווערטס" האט געשפילט די וויכטיגסטע ראלע אין דער אויפבויאונג און אין דעם לעבען פון אונזער אינטערנעשאנאל. דער „פארווערטס" האט פאר אונזער אינטערנעשאנאל מעגליך געמאכט דורכצופיהרען איהרע גרויסע און היסטארישע קאמפען וועלכע האבען איהר אוועקגעשטעלט אין די פאדערשטע רייהען פון די גרעסטע און פראגרעסיווסטע יוניאנס אין דער גאנצער וועלט. אונזערע מיטגלידער וועלען קיינמאל נים פארגעסען וואס דער „פארווערטס" האט געטאן פאר אונזער אינטערנעשאנאל, נים בלויז עדיטאריעל, נאר אויך פינאנציעל.

אונזערע הארציגסטע וואונשען צום „פארווערטס" אין זיין ווייטערדיגער טעטיגקייט אין דער טרייד-יוניאן און סאציאליסטישער באוועגונג, צו דער „פארווערטס" אסאסיאיישאן, צו דעם וועטעראן-רעדאקטאר פון „פארווערטס", גענאסע אב. קאהאן, צו דעם מענעדזשער, גענאסע ב. וולאדעק, און צו אלע זייערע מיטארבייטער.

בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט.
דייוויד דובינסקי, גענעראל סעקרעטאר.